STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00865

# BLETER FUN PAYN UN UMKUM

## Yivo Institute

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Joanne Prives*
*in memory of*
*her parents, Julius & Esther and her brother Abraham*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# בלעטער פון פּיין
# און אומקום

(מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן חורבן)

אַרויסגעגעבן דורכן ייוו"אָ-קאָמיטעט אין מעלבורן

1 9 4 9

# Bleter Fun Pain Un Umkum

**Document on the History of Jewish Extermination**

**Published by the YIVO Committee in Melbourne**

**1 9 4 9**

Printed by "York Press" Pty. Ltd.,
198-202 Faraday St., Carlton.

געווידמעט דעם אָנדענק פון
ר׳ חיים רובינשטיין ע״ה
לאַנגיאָריקער פאָרזיצער פון
ייוו״אָ־קאָמיטעט אין מעלבורן.

# פאָרוואָרט

איבערגעבנדיק דער עפנטלעכקייט דעם ערשטן באַנד „מאַטעריאַלן און דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון יידישן חורבן", האַלט דער מעלבורנער קאָמיטעט פון ייוו"אָ, אַז ער האָט געמאַכט דעם ערשטן וויכטיקן שריט אויפן אויסטראַלישן באָדן צו זאַמלען די גבית־עדות פון דער שארית הפליטה, וועלכע זענען אַהער געקומען.

נישט לייכט איז דאָס אָנגעקומען. געווען אַ סך מניעות בייצוקומען. די גרעסטע פון זיי איז זיכער געווען פון פסיכישער נאַטור. פאַר יעדן פון די, וואָס האָבן געקאָנט געבן דעם מאַטעריאַל — די על פי נס לעבן געבליבענע יידן — איז דאָס פאַרשרייבן אָדער דערציילן געווען אַ גוואַלדיקע איבערלעבונג. איז דאָך די אייגענע נאָרמאַלע צוקונפט אָפּהענגיק פונם כוח וואָס גיכער צו פאַרטרייבן דעם יאָרן־לאַנגן קאָשמאַר פון פיין, אכזריות און אומקום, וואָס גיכער צו פאַרגעסן וועגן יענע גיהנום־טעג און אפילו אין זכרון נישט אומקערן זיך מער צו זיי.

נישט קיין קליינעם פאַרדינסט ביים רעאַליזירן די איצט פאַר־עפנטלעכטע אַרבעטן האָט די היסטאָריש־דאָקומענטיר־קאָמיסיע ביים ייוו"א אין מעלבורן. נאָר אַ דאַנק דעם עקשנותדיקן ווילן און אויס־דויער פון דער קאָמיסיע האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דאָס דערשיינען פון ערשטן באַנד. די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע זענען באמת געווען דורכגענומען מיט דער צוואה פון אונדזער גדול בדור, פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, וועלכער האָט, ווען מען האָט אים געפירט צום טויט, געזאָגט צו די אַרומיקע יידן: „שרייבט און פאַרשרייבט". אויב די געשיכטע פון דער גרעסטער און גרויזאַמסטער יידישער מאַרטיראָלאָגיע וועט פאַראייביקט ווערן לדורות מיט אַ ריזיקער אויפזאַמלונג פון מאַ־טעריאַלן און דאָקומענטן, איז עס אין דער ערשטער ריי מאַקע צו פאַר־

דאנקען די לעבן־געבליבענע, וואָס האָבן געזאַמלט, געשריבן, געפירט טאָג־ביכער אין אָנבליק פון טויט.

דער פאַרדינסט פון ייוו״אָ, וואָס האָט נאָך אין זיין ווילנער תקופה באַוויזן צו דערציען אַ יונגן דור איבערגעבענע זאַמלערס פון אַלץ, וואָס קאָן זיין ווערטפול פאַר דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, איז זיכער נישט קליין. אפילו אין טויט־לאַגער אוישוויץ איז פראָיעקטירט געוואָרן אַזאַ זאַמלונג, וואָס זאָל שפּעטער איבערגעגעבן ווערן דורך פּאָליאַקן, וועלכע מען האָט געקאָנט געטרויען, פאַרן יידישן „וויטאָגס־ארכיוו״ ביים ייוו״אָ. אין דער הקדמה (אַן אָריגינעלע קאָפּיע געפינט זיך אין ניו־יאָרקער ייוו״אָ) שרייבן די מחברים:

„...חברים, שרייבט, צייכנט קורץ און שאַרף. קורץ ווי די טעג, וואָס זענען אונדז פאַרבליבן צום לעבן, און שאַרף ווי די מעסערס, וואָס ווערן אין אונדזערע הערצער געצילט. זאָל בלייבן אַ פּאָר בלעטלעך פאַרן ייוו״אָ, פאַרן יידישן וויטאָגס־ארכיוו. זאָלן עס אונדזערע ביים לעבן געבליבענע, פרייע ברידער לייענען און אפשר וועלן זיי אויך עפּעס לערנען״.

אויב זיי האָבן אין אָנבליק פון טויט געהאַט די פאַרשטענדניש פאַר געשיכטע און יידישער אייביקייט, איז אונדזער חוב מקיים צו זיין זייער וואונטש און צוואה אוודאי באַזונדערס גרויס.

לסוף האַלטן מיר פאַר אונדזער חוב צו דערמאָנען די ברייטהאַרציקייט פון דעם פאַרשטאָרבענעם ערשטן פּאָרזיצער פון ייוו״אָ אין מעלבורן, ר׳ חיים רובינשטיין ע״ה. אַ דאַנק וועלכן דאָס דערשיינען פון דער דאָזיקער אויסגאַבע איז דערמעגלעכט געוואָרן דערמיט, וואָס ער האָט ביים לעבן פאַרזיכערט זי מיט זעצן, דרוקן און פּאַפּיר.

די פאַרבליבענע משפּחה פון פאַרשטאָרבענעם פירט אויס געטריי די צוואה פון זייער חשובן און פאַרדינסטפולן פאָטער.

זאָל עס דינען פאַר אַ גוטן ביישפּיל אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

**ייוו״אָ־קאָמיטעט, מעלבורן.**

לעאָן האָלצער

# מיט פּאָליאַקן אין דײַטשער קריגס־געפֿאַנגענשאַפֿט

דעם 30־טן אויגוסט 1939 בין איך מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמײ. אין הסכּם מיט מײַן צוגעטײלטער פֿונקציע אַלס אָפֿיציר פֿאַר באַזונדערס וויכטיקע ענינים בײַ דער קאָרפּוס־קאָמאַנדע נומער 5 (קראָקע), בין איך אַפּגעפֿאָרן פֿון גדיניע, וואו איך האָב אָנגעפֿירט מיט אַ צאָל־אַגענטור און אַן עקספּעדיציע־אונטערנעמונג, צוריק אַהיים, קיין קראָקע, וואו איך האָב געהאַט מײַן פֿאַמיליע — מײַן פֿרוי און זון. די טאָכטער מײַנע איז געווען מיט מיר אין גדיניע און איז מיט מיר צוזאַמען אַהיימגעפֿאָרן.

אין גדיניע האָט געהערשט אַ שטימונג פֿון כּיהוּתיה. קודם האָט מען פֿון דאָרט עוואַקואירט די משפּחות פֿון די אָפֿיצירן און אונטער־אָפֿיצירן פֿון קריגס־פֿלאָט. די צאָל צוגן, וואָס איז אָפּגעפֿאָרן פֿון גדיניע, איז געווען זייער אַ קליינע און די וואַגאָנעס זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. דער פֿאַקט פֿון עוואַקואירן די משפּחות פֿון די פֿלאָט־אָפֿיצירן, דאָס פּאַנישע לויפֿן, האָט די מהומה נאָך מער פֿאַרשטאַרקט. דער גדיניער רעגירונגס־קאָמיסאַר האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפֿרוף צו דער באַפֿעלקערונג און גערופֿן צו רו און געהאָרכזאַמקייט דראָענדיק, אַז ווער עס וועט, פֿון אייגענער איניציאַטיוו, איצט אַוועק פֿון שטאָט, דער וועט להבא נישט ווערן צוריק אַרײַנגעלאָזן קיין גדיניע. דער דאָזיקער אויפֿרוף האָט געווירקט. אַ באַדייטנדיקער טייל פֿון די גדיניער סוחרים

און פאַבריקאַנטן האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון אַרויספאָרן.

נאָכדעם ווי די דייטשן זענען אַריין קיין גדיניע, האָבן די דאָזיקע מענטשן, וואָס זענען דאָרט פאַרבליבן, געמוזט די שטאָט פאַרלאָזן נאַקעט און בלויז און גיין צופוס צענדליקער קילאָמעטער ביז מען האָט געקענט ערגעץ וואו זיך אָפּשטעלן.

קיין קראָקע בין איך אָנגעקומען דעם 31־טן אויגוסט 1939, און שוין צוזאַמגנס האָבן מיר געהאַט דעם ערשטן דייטשן לופט־אַנגריף איבער קראָקע. מלחמה. איך האָב זיך געמאָלדן אין דער קאָרפּוס־קאָמאַנדע, אָבער איך האָב דאָרטן קיין שום באַזונדערע פונקציע נישט געקריגן צוגעטיילט. מען האָט מיך אָפּגעשיקט אין דער אָפיצירן־קאַדער, וואו עס האָבן זיך געפונען עטלעכע צענדליק אָפיצירן, וועלכע האָבן, ווי איך, געוואַרט אויף באַפעלן און באַשטימונג. דאָס וואַרטן איז געווען אומזיסט. קיין שום באַפעלן זענען נישט אָנגעקומען. מען האָט אָן אונדז פאַרגעסן.

אין דער אָפיצירן־קאַדער האָב איך געטראָפן עטלעכע יידן: אינזשיניער יוזעף טאַובער פון קראָקע, אינזשיניער באַלזאַם פון סקאַווינע צי מישלעניץ און איינעם בערגער פון קאַטאָוויץ.

דעם 3־טן סעפּטעמבער 1939 איז ענדלעך אָנגעקומען אַ באַפעל אָפּצופאָרן פון קראָקע, וואָרום אינם דאָזיקן טאָג האָט זיך אין אונדזער שטאָט אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון דער מיליטערישער און ציווילער מאַכט און פון זייערע משפחות. די צוגן זענען איבערפולטע געגאַנגען אין דער ריכטונג צו מזרח. קיין ציווילע יידן האָט מען שוין אָבער אין די דאָזיקע צוגן נישט אַריינגעלאָזט. אַ סך יידן זענען אַוועק פון שטאָט צופוס, אַנדערע זענען אָפּגעפאָרן מיט אויטאָס, וועלכע מען האָט אויפן וועג אומגעזעצלעך אַוועקגערויבט. געטאָן האָבן דאָס אָפיצירן, וועלכע האָבן געוואָלט אַזוי אָרום וואָס גיכער אַנטלויפן. מען האָט אַרויסגעטריבן פון די אויטאָס די רייזנדע יידן, צוגענומען די מאַשינען און אַוועקגעפאָרן. אויך אונדזער מיליטערישע אָנפירונג איז אַזוי פליסיק געלאָפן, אַז מיר האָבן זי נישט געקענט אָניאָגן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער בין איך אָנגעקומען קיין פשעמישל. די שטאָט איז שוין געווען באָמבאַרדירט. איינע פון די גרעסטע גע־

ביידעס אין שטאָט, נעבן וואָקזאַל, איז געלעגן אין חורבות. געווען אַ סך טויטע. צווישן די אומגעקומענע האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע יידישע פאַמיליעס. די מהומה אין שטאָט איז געווען זייער גרויס. יידישע פרויען זענען אין פאַניק געלאָפן אין פאַרשידענע זייטן פון שטאָט, נישט וויסנדיק וואוהין צו לויפן און וואָס מיט זיך צו נעמען. איין פרוי האָט מיט זיך געטראָגן אַ קישן, אַן אַנדערע — אַ פּאָר לייכטער. איין פרוי איז צוגעלאָפן צו מיר און מיט טרערן אין די אויגן זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז דער וועכטער פון איר הויז, אַן אוקראַאינער, האָט איר געדראָט, אַז ווי נאָר די דייטשן וועלן אַריינקומען אין שטאָט, וועט ער אויסמאָרדן אַלע יידן.

צוזאַמען מיט מיין אָפיצירן־קאַדער בין איך אַוועק ווייטער אויף מזרח, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין טרעמבאָוולע, אויף דרום פון טאַרנאָפּאָל, וואו מיר האָבן געדאַרפט, פון רעשטלעך צעשלאָגענע מיליטער־אָפּטיילונגען און דעזערטירן, וואָס זענען אין דער געגנט אַנטלאָפן, אָרגאַניזירן אַ נייע פוסגייער־דיוויזיע. ווען מיר האָבן זיך אָבער דערוואוסט, אַז ס׳איז דאָ נישטאָ מיט וואָס די דיוויזיע צו באַוואָפענען, אַז מען קען קיין איין ביקס נישט געפינען אין טרעמבאָוולע, האָבן מיר ערשט רעכט דערזען, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ קאָמעדיע, אַז די קאַטאַסטראָפע איז אומפאַרמיידלעך.

מיר האָבן געקראָגן אַ באַפעל אָפּצומאַרשירן אין דער ריכטונג צו שניאַטין, צו דער רומענישער גרענעץ, מחמת די רוסישע אַרמיי איז אַריבער די פוילישע גרענעץ און מאַרשירט טיפער אין לאַנד אַריין. דעם 18־טן סעפּטעמבער 1939 זענען מיר אַריבער די רומענישע גרענעץ. מען האָט אונדז אַנטוואָפנט און געלאָזט ווייטער גיין. אַזוי איז געווען מיט אַלע פוילישע מיליטער־לייט. ערגער איז געווען מיט ציווילע מענטשן און גאָר שלעכט מיט אַזעלכע, וואָס מען האָט דערקענט, אַז זיי זענען יידן. אַ ייד האָט זיך געקאָנט דורכקריגן אויב ער האָט געגעבן כאַבאַר.

אין רומעניע האָט מען אונדז אַלע אָפּגעשיקט אין דער ריכטונג אויף דרום, צו דאָברודזשע, פון וואַנען מען האָט אונדז מיט באַנען אָפּגעשיקט אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער. פאַרבייפאָרנדיק דאָס שטעטל

מאַטשין, האָב איך זיך דאָרט געווענדעט צו איינעם פון די אָרטיקע יידישע סוחרים, סאַמועל קינדלער, און געבעטן אים ער זאָל מיר העלפן זיך ראַטעווען פון אינטערנירונגס־לאַגער. קינדלער האָט מיך אוועקגעפירט קיין ברייל, וואו עס האָט געוואוינט קינדלערס אַ ברודער. דאָרט האָב איך אויסגעטאָן מיין מיליטערישן אָפיציר־מונדיר, אָנגעטאָן ציווילע מלבושים און תיכף מיטן דונאַיעץ אָפּגעפאָרן קיין גאַלאַץ. מיט קינדלערס רעקאָמענדאַציע האָב איך דאָרט באַקומען אַ וואוינונג ביי איינעם אַדאָלף זינגער. אָפּגעוועזן עטלעכע טעג, בין איך אוועק ווייטער קיין בוקאַרעשט, וואו איך האָב זיך געמאָלדן צום אָרטיקן פּוילישן קאָנסולאַט און באַקומען אַ פּאַס. איך האָב באַשלאָסן אָפּצופאָרן קיין פראַנקרייך, וואו, ווי איך האָב זיך דערוואוסט, עס דאַרף אָרגאַניזירט ווערן אַ נייע פּוילישע אַרמיי. ווי אַ געוועזענער לעגיאָנער פון דער ערשטער בריגאַדע פון די פּוילישע לעגיאָנען, מיט דער אויסצייכענונג פון אָרדער „ווירטוטי מיליטאַרי", ווי אויך פּרעזעס פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון יידישן פאַרבאַנד פון געוועזענע אומאָפּהענגיקייטס־קעמפער, האָב איך געהאַלטן פאַר מיין פליכט צו איילן דאָרט אַהין, וואו עס געפינט זיך מיליטער און צוזאַמען מיט זיי ווייטער פאָרזעצן דעם קאַמף קעגן די דייטשן.

דער יוגאָסלאַווישער און איטאַליענישער קאָנסולאַטן האָבן יידן קיין טראַנזיט־וויזעס נישט אַרויסגעגעבן. דער פּוילישער קאָנסולאַט האָט מיר דעמאָלט אַרויסגעגעבן אַ פיקטיווע באַשייניקונג, אַז איך בין אַ קריסט און אויפן סמך פון דאָזיקן דאָקומענט האָבן איך געקראָגן די נויטיקע טראַנזיט־וויזעס. איך בין תיכף אָפּגעפאָרן און דעם 10־טן אָקטאָבער 1939 בין איך אָנגעקומען קיין פּאַריז, וואו איך האָב זיך גלייך געמאָלדן צו דער פּוילישער מיליטערישער מאַכט. מען האָט מיך אָפּגעשיקט אין אַ מיליטערישן לאַגער פאַר אויסשולונג. די אַטמאָספער פאַר יידישע מיליטער־לייט איז אין דאָזיקן לאַגער געווען אַ שרעקלעכע. עס האָט דאָרט געהערשט אַן אַנטיסעמיטישע שטימונג און עס איז זייער אָפט אויף דעם באָדן דערגאַנגען צו גרויסע סקאַנדאַלן.

איך מוז זיך אויף אַ קורצער ווייל אומקערן אויף צוריק. בעת איך

בין געווען אין בריילי, רומעניע, האט דער אַרטיקער פּאליציי־פּרעפעקט פלוצלונג אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע פּאליאַקן וואָס געפינען זיך אין שטאָט מוזן, אין משך פון עטלעכע שעה, אַוועקפאָרן אויף דער אַנדערער זייט דונאַי. די סיבה פון דאָזיקן באַפעל איז געווען דאָס, וואָס עטלעכע פּוילישע שיכורע אָפיצירן האָבן שפּאַצירט אויף דער הויפּט־גאַס און יעדן פאַרבייגייענדיקן יידן באַפאַלן און געשלאָגן.

אין פראַנקרייך האָט מען מיך צוגעטיילט צום ערשטן פוסגייער־פּולק, מיט וועלכן איך בין אַוועק אויפן פראָנט און דעם 21־טן יוני 1940 בין איך אין סט. דיע גענומען געוואָרן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט.

פאַר מיין אָפּפאָר אויפן פראָנט פלעג איך אָפט קומען קיין פּאַריז, וואו דער סעקרעטאַר פון דער פּוילישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, פּראָפעסאָר יעזשי סטעפאַן לאַנגראָד, פון קראָקע, האָט געפירט אַ לעבהאַפטע פּאָליטישע טעטיקייט. אַ דאַנק אים איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט געהאַט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַן אַקציע קעגן אַנטיסעמיטיזם אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. צו דער קאָמיסיע האָבן צווישן אַנדערע געהערט: דער געוועזענער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן — טיטוס פיליפּאָוויטש, דער געוועזענער דעפּוטאַט פון פּוילישן סיים — ד״ר פראַגער און איך. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן האָט געמאַכט אַ שטריך איבער די אַלע פּלענער.

אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט בין איך אַוועק ווי אַ פּאָרומישניק פון דער פראַנצויזישער אַרמיי און ווי אַזעלכן האָבן די דייטשן מיך און אַ ריי אַנדערע פּוילישע מיליטער־לייט געפאַנגענע אין פראַנקרייך באַהאַנדלט. אַזוי ווי עס האָט זיך ביי אונדז פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יידישע געפאַנגענע ווערן דורך די דייטשן דערשאָסן, האָב איך אָנגעגעבן, אַז איך בין פון רוימיש־קאַטוילישן גלויבן. דאָס אייגענע האָבן אויך געטאָן אַלע אַנדערע יידישע געפאַנגענע. אָבער אונדזערע פּוילישע „קאָלעגן“־אָפיצירן האָבן זיך שוין געגעבן די מי, אַז די דייטשן זאָלן זיך דערוויסן וועגן דעם, אַז מיר זענען יידן. מען האָט דעריבער אַלע יידן — פּוילישע ווי פראַנצויזישע — אַרויסגע־

באראק. צוזאמען זענען מיר געווען 86 יידן. דער לאגער אונדזערער האט זיך געפונען אין ערדלבאך־געפריץ, אויף דרום פון ווין. דארט האבן מיר פארבראכט פיר יאר. די באהאנדלונג איז געווען א דער־טרעגלעכע. מיטן אויסנאם פון די געפאנגענע סאוויעטישע מיליטער־לייט, האבן די דייטשן לגבי אונדז אין אלגעמיין אנגעווענדט די פארשריפטן פון דער גענפער קאנווענץ וועגן קריגס־געפאנגענע.

אין דער זעלבער צייט האט זיך מיין משפחה געפונען אין ווארשע און איך בין מיט זיי געווען אין א כסדרדיקן קאנטאקט. אין אויגוסט 1942 איז מיין טאכטער מיט איר מאן, סאלאמאן זאק, ארויס פון געטא און אוועקגעפארן קיין זאקאפאנע, וואו זיי האבן זיך אויפגע־האלטן אומלעגאל, אויפן סמך פון געפעלשטע פאפירן. מען האט זיי אבער געמסרט, די דייטשן האבן זיי ארעסטירט און דערשאסן. מיין פרוי און זון זענען אומגעקומען בעת די קאמפן אין ווארשעווער געטא.

אין אויגוסט 1944 האבן די דייטשן אלע אפיצירן פון דער פראנ־צויזישער ארמיי — יידן, קאמוניסטן און מאסאנען — פון אלע לא־גערן איבערגעפירט אין א ספעציעלן לאגער אין ליבעק. דאס איז גע־ווען א שטראף־לאגער. באלד ווי מיר זענען אנגעקומען אין דאזיקן לאגער האבן די דייטשע אפיצירן צו אונדז געזאגט: „ווער עס קומט דא אהער, גייט שוין פון דאנען קיין לעבעדיקער נישט ארויס".

אין ליבעקער לאגער זענען געווען 314 אפיצירן פון דער פראנ־צויזישער ארמיי, יידן, דערין 308 פראנצויזישע יידן און 6 פוילישע. צווישן די זעקס פוילישע איז געווען איינער, וואס איז שוין געווען געשמדט זינט דרייסיק יאר, און א צווייטער — זינט 12 יאר. אבער פאר אונדזערע פוילישע „קאלעגן" זענען אויך זיי געווען יידן. דער „אידעאלאגישער" איינפלוס פון היטלעריזם איז צווישן דער פוילישער האלב־אינטעליגענץ געווען און פארבליבן גאנץ אנזעעוודיק. איך מוז באטאנען, אז משך פון דער גאנצער צייט פון דער געפאנגענשאפט האבן מיר זיך געפונען אין רשות פון דער ווערמאכט און דערמיט לאזט זיך דערקלערן דער פאקט, וואס מיר זענען באהאנדלט געווארן נישט ערגער פון אלע אנדערע קריגס־געפאנגענע.

דעם 2־טן מאַי 1945 זענען מיר דורכן בריטישן מיליטער באַפרייט געוואָרן. קומענדיק צוריק קיין פּאַריז האָב איך זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן „דזשאָינט“. אין ווענעמס נאָמען איך האָב פאַר דער מלחמה, לויט דער בקשה פון וואַרשעווער „דזשאָינט“־דירעקטאָר, יצחק גיטערמאַן, אָנגעפירט מיט דער הילפס־טעטיקייט פאַר די יידן אין גדיניע. איצט האָט מען מיר אין פאַריזער „דזשאָינט“ פאָרגעלייגט אַרויסצופאָרן קיין דייטשלאַנד צו פירן די הילפס־טעטיקייט צווישן די ד. פּ.; צו יענער צייט האָט נאָך דער „דזשאָינט“ נישט געקענט שיקן זיינע מענטשן פון אַמעריקע, ווייל דער קאָמוניקאַציע־פאַרקער מיט איראָפּע איז נאָך נישט געווען איינגעשטעלט. אונדזער אָפּטיילונג איז באַשטאַנען פון פינף מענטשן: י. ראַק פון אַמעריקע, ד״ר הענריק היילאָן און פרוי, מ. לאַמבערט און איך. דעם 2־טן אויגוסט 1945 זענען מיר אָנגעקומען אין לאַגער פעלדאַפינג, בייערן. די לאַגער־מענטשן האָבן מיט אונדזער קומען צו זיי איבערגעלעבט אַ ביטערע אַנטוישונג, וואָרום אַ חוץ אַ פּעקל מזוזות און אַ ביסל רפואות האָבן מיר גאָרנישט מער מיטגעבראַכט פאַר זיי. מיר האָבן געהאַט די אויפגאַבע דורכצופירן אַן אַנקעטע אין די לאַגערן אין פעלדאַפינג, לאַנדסבערג און רעגענדאָרף. אַן ערך 20 פּראָצענט פון אַלע לאַגער־מענטשן האָבן דעמאָלט דעקלאַרירט זייער ווילן צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע.

טויבע בליצבלוי

# פון לאָדזש ביז בערגען־בעלזען

דעם 1־טן מאַי 1940 איז די געטאָ אין לאָדזש געוואָרן אָפּגע־שלאָסן. אין דער ערשטער צייט האָט מען זיך מיט שפּייז ווי עס איז אַן עצה געגעבן, מען האָט דורך פּאָסט אַריינגעקראָגן שפּייז־פּעקלעך פון דער פּראָווינץ, מען האָט אויך אַריינגעשמוגלט שפּייז פון דער קריסטלעכער זייט, אויסערן געטאָ. שפּעטער האָט זיך דאָס אַלץ אָפּ־געשטעלט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטערער הונגער. נאָך ערגער איז געווען מיט דער פראַגע פון באַהייצונג. מען האָט זיך אָבער טייל־ווייז אַרויסגעהאָלפן דערמיט, וואָס מען האָט געגנבעט האָלץ פון דער מאַרישינער געגנט — אַמאָל באַוואוינט דורך קריסטן און האָט איצט געהערט צו דער געטאָ. מען האָט געגנבעט ביימער, פּלויטן, געריסן שטיקער פון הייזלעך און דערמיט באַהייצט די וואוינונגען.

די איינציקע קוואַלן פון פּרנסה זענען אין דער ערשטער צייט גע־ווען — כלערליי אַרבעטן אַלס באַאַמטע אין דער יידישער קהילה אונ־טער רומקאָווסקיס אָנפירונג, פאַרשידענע אַרבעטן פאַר די דייטשן פּריוואַט: שוכוואַרג, מלבושים, אַרבעט ביי דער אַפּראָוויזאַציע פון געטאָ און אויף די פּלעצער, וואו מען האָט געבראַכט גרינס, קאַרטאָפל און אַנדערע שפּייז פאַר דער געטאָ. די וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער אַפּראָוויזאַציע האָט מען גערופן „ווייס־גוואַרדייער", ווייל זיי האָט זיך באַזונדערס גוט געלעבט, גוט פאַרדינט פון כלערליי קאָמבינאַציעס.

סוף 1940 האָט זיך די לאַגע פאַרערגערט. דער צופלוס פון שפּייז

איז כמעט ווי אפגעשטעלט געוואָרן. ביי יענער צייט האָבן די דייטשן געמאָלדן, אַז מענטשן קאָנען זיך פריייוויליק פאַרשרייבן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. זייער פיל מענער האָבן זיך טאַקע פאַרשריבן און מען האָט זיי אַוועקגעשיקט אין טיף דייטשלאַנד. צווישן זיי איז אויך געווען מיין ברודער שלמה, וועגן וועלכן איך ווייס ביז היינט נישט וואו ער איז אַהינגעקומען.

פאַר די, וואָס זענען פאַרבליבן אין געטאָ, האָט מען איינגעפירט „רעסאָרטן" — אַרבעט־וואַרשטאַטן פאַר דער דייטשער מלחמה־פּראָ־דוקציע. מען האָט אויסגעאַרבעט שיך, מלבושים, פרויען־מיליטער־מל־בושים. עס זענען אויך געווען וועשערייען צו וואַשן די וועש, וואָס מען האָט געבראַכט פון די פראָנטן, מיליטער־וועש וואָס איז געווען זייער פאַרבלוטיקט. מען האָט אויך געאַרבעט זאָקן, שטיקעריי, הענטשקעס און אויערן־דעקלעך. געווען אַ שטרוי־רעסאָרט, מען האָט פון שטרוי געפלאָכטן שיך פאַר די זעלנער, עס זאָלן זיי, אין די קאַלטע חדשים, נישט אָפּפרירן די פיס. אַ מעטאַל־רעסאָרט איז געווען. דאָס איז געווען איינע פון די גרעסטע אונטערנעמונגען. מען האָט דאָרט אויסגעאַרבעט פאַרשידענע טיילן צו מאַשינען און אויטאָס. אין געטאָ האָט יעדער איי־נער געמוזט אַרבעטן. מען האָט אפילו ליקווידירט די שולן און קינדער אין עלטער פון זיבן יאָר האָט מען געשיקט צו דער אַרבעט.

אין 1941 האָט מען אָנגעהויבן צו דעפּאָרטירן מענטשן פון געטאָ. דער עיקר האָט מען גענומען קינדער, עלטערע מענטשן, נישט פעאיקע צו קיין אַרבעט. אָנהויב 1942 האָבן שוין אין לאָדזשער געטאָ געפעלט אַ סך יידן געבוירענע אין לאָדזש. מען האָט אָבער אַריינגעבראַכט יידן פון אַנדערע שטעט אַרום לאָדזש. זומער־צייט, אַרום יוני, האָט מען אין לאָדזשער געטאָ אַריינגעבראַכט יידן פון דער פּראָווינץ: זגערזש, אָזאָרקאָוו, בזשעזשין, וואַרטאַ, שעראַדז, קאַליש, לאָסק, טורעק, פּיעטר־קאָוו און בכלל פון דער גאַנצער אַרומיקער געגנט. מען האָט אויך גע־בראַכט יידן פון אויסלאַנד — פון ווין און טשעכאָסלאָוואַקיע.

עטלעכע טעג נאָכן אַריינברענגען די דאָזיקע מענטשן האָט מען געמאַכט אַ „שפּערע", וועלכע האָט געדויערט אַכט טעג. אַלע אין געטאָ האָבן אין משך פון דער צייט זיך געמוזט געפינען אין די שטובן, נישט

ווייזן זיך אין גאַס. קיין עסן איז אין דער צייט נישט געווען צו קריגן. אין די דאָזיקע „שפּערע"־טעג זענען די דייטשן באַפֿאַלן גאַנצע הייזער־בלאָקן, אַרויסגענומען אַלע מענטשן אויף די הויפֿן און דורכגעפֿירט סעלעקציעס: עלטערע, מאַמעס מיט קינדער און יונגטלעכע, וואָס האָבן שלעכט אויסגעזען, האָט מען אַרויסגענומען פֿון די רייען און אויף אויטאָס אַוועקגעפֿירט. דעמאָלט האָט מען אויך ליקווידירט אַלע שפּיטעלער — קראַנקע, שווער, לייכטע און געזונטע געוואָרענע, וועלכע האָבן שוין געדאַרפֿט אַרויס פֿון שפּיטאָל, האָט מען צוגענומען און אַוועקגעפֿירט. עס איז דעמאָלט קיינעם נישט איינגעפֿאַלן, אַז דאָס נעמט מען מענטשן צום אומברענגען. אין לאָדזש האָט מען געוואוסט וועגן אַרבעט־לאַגערן, אָבער נישט וועגן טויטן־לאַגערן.

די סעלעקציעס האָבן דורכגעפֿירט די דייטשן מיט די טויטן־קעפּ אויף די היטלען. מיטגעהאָלפֿן האָט די יידישע פּאָליציי, צווישן וועלכע עס זענען געווען פֿאַרשידענע מענטשן — גוטע און שלעכטע. איך אַליין האָב געהאַט אַ פֿאַל מיט אַ יידישן פּאָליציאַנט, וועלכער האָט מיך נישט געוואָלט אַדורכלאָזן און ראַטעווען זיך בעת אַ סעלעקציע, כאָטש ער האָט עס געקאָנט טאָן אָן שום געפֿאַר פֿאַר זיך אַליין. ער האָט מיך אָפּגעשטויסן מיטן פֿוס. אָבער איך האָב זיך געראַטעוועט שוין פֿאַרנדיק אין וועג, אויף אַ וואָגן וואָס איז געפֿירט געוואָרן דורך אַן אַנדערן יידישן פּאָליציאַנט. ער האָט צו מיר געזאָגט: אַז דו קענסט זיך ראַטעווען — ראַטעווע זיך. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פֿון וואָגן און אַנטלאָפֿן.

נאָך דער „שפּערע" האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ „נאָרמאַל" לעבן.

דער לייכטסטער ווינטער איז געווען אין 1941. מען האָט נאָך געהאַט אַ ביסל זאַפּאַסן, מען האָט נאָך געהאַט וואָס צו ברענען, צו באַהייצן די וואוינונגען. מען האָט פּשוט געבראָכן דאָס אייגענע מעבל און דערמיט געהייצט. שפּעטער איז שוין דאָס אַלץ נישט געווען. מען איז געשלאָפֿן אויף דער ערד אין הונגער און אין קעלט.

דאָס יאָר 1942 איז געווען דאָס שווערסטע, דאָס ביטערסטע יאָר אין דער היסטאָריע. שפּעטער האָט מען שוין די נויט נישט איבערגע־

לעבט אַזוי שרעקלעך, וואָרום די, וואָס האָבן איבערגעהאַלטן, — דאָב רוב שטאַרק געבויטע מענטשן, — האָבן זיך שוין צו אַלעם צוגעוואוינט. אין 1942 האָט מען געזען אויף דער גאַס אַ סך מענטשן געשוואָלענע פון הונגער. מענטשן זענען געפאַלן אין די גאַסן, געפּאַקטויט ביי דער אַרבעט אין וואַרשטאַט. אין די שטובן איז געווען שרעקלעך. דאָס אייז איז געווען דיק אַנגעוואַקסן נישט נאָר אויף די פענסטער, נאָר אויך אויף די ווענט. דאָס בעטגעוואַנט איז געווען נאַס און קאַלט. גאַנצע פאַמיליעס זענען אויסגעשטאַרבן פון הונגער און קעלט. פּשוט געלייגט זיך שלאָפן און מער נישט אויפגעשטאַנען. די צאָל מתים יעדן טאָג איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט שוין מער קיין לוויות נישט געמאַכט. מען האָט די מתים אויפגעזאַמלט אויף גרויסע לאַסטוועגענער און זיי אַוועקגעפירט צום באַגראָבן. זייער גרויס איז געווען די שטערבלעכקייט צווישן די ווינער און טשעכישע יידן. זיי זענען פּלוצלונג אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם גיהנום, נאָך נישט געווען צוגעוואוינט צו די צרות אַזוי ווי מיר — האָט דער רוב נישט אויסגעהאַלטן.

דאָס לעבן אין געטאָ איז, הייסט עס, צוגעגאַנגען „נאָרמאַל". צווישן איין סעלעקציע און דער אַנדערער האָט מען געאַרבעט, געאַרבעט און געלעבט אפילו ווען מען האָט געהאַט צוגענומען די נאָענטסטע פון שטוב. מען האָט זיך דאָך נישט געקענט אַליין דאָס לעבן נעמען. עס זענען געווען מענטשן אין געטאָ, וואָס האָבן געלעבט זייער גוט. געלעבט צו דער זעט און אין וואַרעמקייט. דאָס איז געווען רומקאָווסקיס קליקע. זיי האָבן געלעבט, קען מען זאָגן, אין שוואוילטאָג. אין מאַרישין האָט רומקאָווסקי איינגעאָרדנט אַ מין האַרעם מיט יונגע מיידלעך. מען האָט דאָרט געשיכורט און געהוליעט גאַנצע נעכט. רומקאָווסקי, אַן אַלטער מאַן שוין, האָט אין געטאָ חתונה געהאַט מיט אַ יונג מיידל. אָבער חוץ דעם האָט ער געהאַט דעם האַרעם אין מאַרישין, וואו ער פלעגט אָפט פאַרברענגען צוזאַמען מיט זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער. גוט געלעבט האָבן די „ווייס־גוואַרדיסטן". וואָס האָבן באַגבעט די אַפּראָוויזאַציע־לאַגערן און פאַרקויפט די סחורה אויפן שוואַרצן

מארק. עס האָבן געלעבט גוט די, וואָס האָבן געאַרבעט אין די קאָאָפּע־ראַטיוון.

ארום 1943 האָט זיך אין לאָדזשער געטאָ געשאַפן אַ געהיימע יוגנט־אָרגאַניזאַציע צו וועלכער עס האָבן געהערט יוגנטלעכע פון פאַר־שידענע ריכטונגען: בונדיסטן, קאָמוניסטן, פּועלי־ציון און „השומר״. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו סאַבאָטירן די אַרבעט אין די פאַבריקן. די אָנפירער פון די פאַבריקן זענען געווען פאַראינטערעסירט אַרויסצוקריגן וואָס מער אַרבעט. רומקאָווסקי האָט דערפאַר געגעבן פּרעמיעס: עקסטרע שפּייז־טאַלאָנען. די אָנפירער האָבן דעריבער אונטערגעיאָגט די מענטשן אין דער אַרבעט. אין יעדער פאַב־ריק האָבן זיך געפונען יוגנטלעכע פון דער אָרגאַניזאַציע. דער עיקר גוט אָרגאַניזירט זענען געווען די פאַבריקן פון מעטאַל און שניידעריי. אויך איך האָב געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן זיך געמיט, אַז מען זאָל וואָס ווייניקער אַרבעטן. מען איז אָבער געוואָר געוואָרן וועגן אונדזער טעטיקייט, מען האָט אונדז אָנגעהויבן צו אָבסערווירן און אַז אַ פאַבריקס־לייטער האָט באַמערקט עמיצן אַ פאַרדעכטיקטן, עמיצן וואָס רעדט צופיל מיט די אַנדערע אַרבעטער, האָט מען אַזאַ איינעם אַרויפגענומען אויף דער שוואַרצער ליסטע און בעת אַ סעלעקציע זענען די פון דער שוואַרצער ליסטע געווען פון די ערשטע, וואָס מען האָט אויפגעגעבן צום אַוועקשיקן.

אין געטאָ האָבן זיך געפונען יידן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, נאָכשפּיאָנירט די יידן פון געטאָ און צוגעטראָגן די דייטשן פאַרשידענע ידיעות. גענוג געווען צו דערזען ביי עמיצן אַ פינגערל, אַ פעלץ אָדער עפּעס אַן אַנדער חפץ, אַז מען זאָל אַזאַ איינעם מסרן. ווי לאַנג די לייט האָבן געהאַט וואָס צוצוטראָגן די דייטשן, האָט מען זיי געלאָזט לעבן און אַפילו צום טייל באַלוינט פאַר זייער אַרבעט, געגעבן זיי עקסטרע שפּייז־קאַרטן. אַז דאָס האָט אויפגעהערט, האָט מען די חברה ליקווידירט — אַרויסגעשיקט.

ביי אַלע צרות אין געטאָ איז געווען אַ יידיש טעאַטער, וואָס איז אַפילו געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. געשפּילט האָט מען רעוויעס: נייע געטאָ־לידלעך, געטאָ־הומאָר און סאַטירע. דאָס דאָזיקע טעאַטער

האָט עקזיסטירט ביז אַ קורצער צייט פאַר דער ליקווידאַציע. מען האָט געשפּילט איין מאָל אין צוויי־דריי וואָכן. דאָס טעאַטער איז תמיד געווען פול באַזעצט. אין זאַל האָט געקענט אַריין ביי אַ פינף הונדערט מענטשן. פאַר בילעטן האָט מען געצאָלט נישט טייער. מענטשן האָבן אָפּגעשפּאָרט פון זייערע קאַרגע פאַרדינסטן און געגאַנגען אין טעאַטער.

אין געטאָ איז געווען אייגן געטאָ־געלט — מעטאַל און פּאַפּיר. אויפן געלט איז געווען די אויפשריפט: „ליצמאַנשטאַט־געטאָ". אויפן פּאַפּיר־געלט איז אויך געווען דאָס בילד פון רומקאָווסקין מיט זיין אונטערשריפט. פון דער צווייטער זייט פון באַנקנאָט איז געווען אָפּגעדרוקט אַ מגן־דוד.

ווינט דעם אַריינקומען פון די דייטשן קיין לאָדזש ביזן שליסן די געטאָ האָבן יידן געטראָגן געלע אָרעם־בענדער אויף דער לינקער האַנט. נאָכן שליסן די געטאָ ביז דער ליקווידאַציע האָט מען געטראָגן אויף דער ברוסט און אויף דער פּלייצע, אויף דער לינקער זייט, צוגענייטע געלע לאַטעס אין דער פאָרם פון אַ מגן־דוד, און ערך צען צענטימעטער די גרייס מיט אַ שוואַרצער אויפשריפט: „יודע".

די ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן אין אויגוסט 1944. אָנפירער פון לאָדזשער געטאָ איז געווען ביבאָוו. ווי מען האָט געזאָגט, געווען אַ שוואָגער. אין די ערשטע טעג פון אויגוסט 1944 האָט ביבאָוו אויף אַ גרויסן פּלאַץ אין געטאָ גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע יידן און פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע: אַזוי ווי דער רוסישער פראָנט דערנענטערט זיך און אַזוי ווי די יידן האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן, איז דאָך זיכער, אַז ווען די רוסן וועלן אַריינקומען קיין לאָדזש, וועלן זיי אַלע יידן אויסהרגענען; אַזוי ווי מיר האָבן פאַר אייך ביז אַהער געזאָרגט — האָט ביבאָוו געזאָגט — ווילן מיר אייך אַלע איצטער אַרויספירן פון לאָדזש, מיטנעמען מיט אונדז קיין דייטשלאַנד. ביבאָוו האָט פאַרזיכערט, אַז מען קען מיטנעמען מיט זיך אַלץ וואָס מען האָט און מען וויל מיטנעמען. מען וועט ביי קיינעם גאָרנישט צונעמען. אין דייטשלאַנד וועט מען זיין מיט די פאַמיליעס צוזאַמען און דאָרט אַרבעטן.

אָבער מענטשן האָבן שוין מער נישט געגלייבט אין די אַלע גוטע

צוזאגן. קיינער האט זיך פרייוויליק נישט צוגעשטעלט. עטלעכע מאל האט ביבאוו געהאלטן אזעלכע רעדעס פאר די יידן, גערופן זיי אין באשטימטע טערמינען צוצושטעלן זיך אויף די זאמל־פלעצער צום אוועקפארן. קיינער האט זיך נישט צוגעשטעלט. עס איז דעריבער ארויס א באפעל, אז ווער פון די גערופענע עס וועט זיך נישט צושטעלן, דעם וועט מען דערשיסן און די פאמיליע וועט באשטראפט ווערן. דעמאלט האט זיך שוין א געוויסער טייל מענטשן צוגעשטעלט. מען האט מורא געקראגן. די וואס האבן זיך נישט צוגעשטעלט, האבן זיך אויך שוין מער נישט געמאלדן צו דער ארבעט און האבן זיך אויסבאהאלטן אין קעלערס און אין פארשידענע אנדערע ערטער. צווישן די, וואס האבן זיך צוגעשטעלט, האט זיך אויך געפונען מיין ברודער מענדל. דעם באשלוס זיך צוצושטעלן האט ער אנגענומען, בדי נישט אויסצושטעלן אויף קיין געפאר אונדזער גאנצע משפחה. די גרופן, וואס זענען אפגעפארן, האט מען טאקע געלאזט מיטנעמען אלץ וואס מען האט נאר געוואלט. מען האט מיטגענומען אפילו פאבריק־טישן און אוודאי מכשירים צו דער ארבעט. אזוי ווי אבער די צאל פרייוויליקע איז געווען א גאנץ קליינע, האט ביבאוו פארארדנט צו נעמען מיט צוואנג. מיליטער האט ארומגערינגלט גאנצע גאסן, געזוכט אין די הייזער און וועמען מען האט געפונען האט מען ארויסגענומען צום אוועקשיקן.

מיר, — איך, מיין שוועסטער, דער עלטערער ברודער, די עלטערן אונדזערע און א פארפאלק, מיין פאטערס א פריינד מיט זיין פרוי, — זענען געווען באהאלטן אין א קעלער. יעדער האט מיט זיך געהאט א שארבע עסנווארג. ביי אן אנפאל אויף אונדזער קווארטאל זענען אלע אראפ אין קעלער. אז עס האט זיך בארואיקט, זענען מיר צוריק ארויף אין שטוב. אזוי האבן מיר זיך אויסבאהאלטן א וואך צייט. דעם 16־טן אקטאבער איז מען באפאלן אונדזער קווארטאל. מיר זענען געזעסן אין קעלער און געהערט דעם גערודער פון דרויסן, דאס געוויין פון קינדער, דאס געשריי פון דערוואקסענע און איבער אלעם — דאס געשריי פון די דייטשן. אז דער גאנצער הויף אונדזערער איז שוין געווען אויסגעליידיקט און די דייטשן האבן זיך גענומען צום אוועקגיין, האט זיך פלוצלונג דערהערט א קול פון א פאליציאנט: אונטן אין קעלער מוז

נאך עמיצער זיין. א דייטש האט אים באפוילן אראפצוגיין זען וועד עס איז פאראן אין קעלער. באלד איז דער פאליציאנט, מיט אן עלעקט־ ריש לעמפל אין האנט, אראפגעקומען אין קעלער. מיר האבן אים דער־ קענט, דאס איז געווען דער יידישער פאליציאנט שעמיאטיצקי. וועל־ כער האט מיט אונדז געוואוינט צוזאמען אין שכנות, אויף דעם זעלבן הויף, אויף זגערזשער גאס 15. מיר האבן אים געבעטן, אז ער זאל אונדז נישט אויסגעבן, און זאגן, אז ער האט דא קיינעם נישט גע־ טראפן. ער האט אבער אפגעענטפערט, אז ער וויל נישט איינשטעלן זיין קאפ פאר אונדז און אויפגעפאדערט ארויסצוגיין.

מיר זענען אלע ארויסגעקומען אויפן הויף. מען האט אונדז אוועק־ געפירט צו דער באן און פארלאדעוועט אין א גרויסן פראכט־צוג פון עטלעכע צענדליק וואגאנעס. מען האט יעדן איינעם געגעבן א ברויט, א פערטל קילא צוקער, א ביסל זופ און מיר זענען אריין אין די וואַ־ גאנעס, וועלכע זענען גיך פארמאכט און אפגעשלאסן געווארן פון דרויסן. פינף פארנאכט האט דער צוג געריקט פון ארט. וואוהין דער צוג טראגט אונדז — דאס האט קיינער נישט געוואוסט.

צומארגנס, ארום 12 בייטאג, איז די באן געבליבן שטיין. דורכן קליינעם פענסטערל פון וואגאן האבן מיר געזען בלויז הייזער־בלאקן פארצוימטע מיט שטעכיקן דראט. קיין שום מענטשן האבן מיר אין דרויסן נישט געזען.

צוויי שעה זענען מיר אזוי געשטאנען. אויף מיין טאטע האט דאס בילד מיט די באראקן און דראט־פארצוימונגען שווער געווירקט. ער האט געקראגן דאס פארגעפיל, אז עס גרייט זיך עפעס שלעכטס. מיר, די קינדער, האבן אים געטרייסט, אז אלץ וועט זיין גוט אזוי ווי ביז איצט. אזייגער צוויי בייטאג איז פלוצלונג געווארן א גרויסער טומל, א גערודער, א געשרייעריי פון דייטשן און ס'האט זיך אנגעהויבן דאס עפענען די וואגאנעס. אז די וואגאנעס האבן זיך געעפנט האבן מיר דערזען פאר זיך א סך באוואפנטע דייטשן אין באקי־מונדירן, שווארצע קראוואטן און ארעם־בענדער מיט האקנקרייצן, אנדערע — אין שווארצע מונדירן מיט די טויטן־קעפ אויף די היטלען. דאן האבן מיר געזען מענטשן אין קליידער מיט פאסן: ווייס־בלוי אדער גרוי־בלוי. דאס זע־

נען געוועזן געפאַנגענע לאַגער־מענטשן. עס האָבן זיך דערהערט ווילדע געשרייען: „אַרויס פון די וואַגאָנעס, גאָרנישט מיטנעמען, מענער רעכטס, פרויען לינקס". ווער עס האָט נישט אויסגעפירט דעם באַפעל באַלד אויפן אָרט — דער האָט געקראָגן געשלאָגן. מען האָט געשלאָגן מיט שטעקנס איבער די קעפּ. עס האָבן זיך דערהערט געוויינען און געשרייען פון מענער, פרויען און קינדער, אויסגעמישט מיט די ווילדע געשרייען פון די דייטשן. משפחות האָבן זיך אין געוויין אָנגעהויבן געזעגענען איינער מיטן אַנדערן. אויך מיר האָבן זיך געזעגנט מיטן טאַטע און מיטן ברודער און אָנגעזאָגט דעם ברודער, ער זאָל אַכטונג געבן אויף דעם טאַטע. דער טאַטע ווידער האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן אַכטונג געבן אויף דער מאַמען. קורץ דערנאָך האָט מען אונדז אָפּגעטיילט. געגלויבט האָט נאָך יעדער פון אונדז, אַז דאָס טיילט מען בלויז אָפּ די מענער פון די פרויען, אַז די מענער וועלן בלייבן צוזאַמען און די פרויען וועלן בלייבן צוזאַמען. אונדז, פרויען, האָט מען גענומען יאָגן פאָראויס און די מענער געלאָזט הינטער אונדז. אָפּגעגאַנגען בלויז עטלעכע טריט, זענען מיר צוגעקומען צו אַן אָרט, וואו עס זענען געשטאַנען עטלעכע דייטשן, וואָס האָבן ווידער אָפּגעטיילט יונג פון אַלט און קינדער. אַזוי האָט מען מיך מיט מיין שוועסטער רויזע אָפּגעטיילט פון אונדזער מוטער. איך האָב געוואָלט מיטגיין מיט מיין מוטער, אָבער מען האָט מיך צוריקגעשטויסן. אַז איך האָב זיך אומגעקוקט, האָב איך שוין מער מיין מוטער נישט געזען, זי איז שוין ערגעץ וואו פאַרשוואונדן.

מיך מיט מיין שוועסטער האָט מען, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יונגע פרויען, אויסגעשטעלט אין רייען און אונטער אַ וואַך פון ס. ס.־פרויען האָט מען געפירט פון אָרט. דאָס געוויין און געקלאָג אין די רייען איז געווען שרעקלעך. די ס. ס.־פרויען האָבן אונדז „באַרואיקט", אַז מיר דאַרפן זיך נישט אויפרעגן, אַז יעדן זונטיק וועלן מיר זיך קענען זען מיט אונדזערע עלטערן, וועלכע זענען אַוועקגעפירט געוואָרן ערגעץ אַנדערש. געגאַנגען זענען מיר אַזוי אַ לענגערע צייט. אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן רוסישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים גראָבן גריבער. די דאָזיקע מענטשן האָבן מיט זייער אויסזען

אָנגעוואָרפן אויף אונדז אַ שרעקלעכע אימה. זיי זענען געווען אָפּגעריסן און אויסגעמאָגערט, פאַרשמוצט. האַלבע מתים זענען דאָס געווען, נישט קיין מענטשן. מיט געוויין האָבן זיי געבעטן מען זאָל זיי געבן עפּעס צו עסן. מיר האָבן זיי צוגעוואָרפן שטיקלעך ברויט און די רופן האָבן זיך אויף דעם ברויט געוואָרפן ווי די ווילדע הינט. מיר זענען געגאַנגען ווייטער, ביז מען האָט אונדז צוגעפירט צו אַ גרויסער געביידע.

אינעווייניק, אין דער געביידע, איז געווען אַ גרויסער זאַל אָפּגעטיילט מיט אַ באַריער, וואו פון איין זייט זענען געשטאַנען פרויען גוט אויסזעענדיקע און גוט געקליידעטע. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דאָס זענען „קאַפּאָס". פון דער אַנדערער זייט זענען מיר געשטאַנען — הונדערטער פרויען צוזאַמענגעשטופּט איינע ביי דער אַנדערער. מיט אַמאָל האָט זיך געעפנט אַ טיר און עס זענען פון דאָרט אַרויסגעקומען עטלעכע מענער, טייל מיליטעריש געקליידט און טייל אין ציוויל. מען האָט אונדז געהייסן זיך אויסטאָן. מיט שרעק האָבן מיר זיך אָנגעקוקט איינע די אַנדערע, אַרום אונדז זענען דאָ מענער, מיר האָבן נישט געוואָלט אויסטאָן זיך. מיר האָבן זיך געפרעגט ווער די דאָזיקע מענער זענען, האָט מען אונדז געענטפערט, אַז דאָס זענען דאָקטוירים. ווילנדיק צי נישט ווילנדיק האָט מען זיך געמוזט אויסטאָן נאַקעטע. בלויז מיט די שיך אין די הענט, האָבן מיר איינציקווייז אָנגעהויבן דורכגיין דעם באַריער, וואו עס זענען געשטאַנען די פרויען־„קאַפּאָס". די דאָזיקע פרויען האָבן יעדע איינע פון אונדז אָפּגעשטעלט און אַראָפּגענומען פון אונדז אַלץ, וואָס מיר האָבן אויף זיך געהאַט פון צירונג: רינגלעך, אויער־רינגלעך, זייגערלעך. דערנאָך זענען מיר אַריין אין אַ לאַנגן קאָרידאָר באַשטעלט פון ביידע זייטן מיט רייען מענער. די דאָזיקע מענער האָבן גוט באַטראַכט יעדע פאַרבייגייענדיקע פרוי און טאָמער האָט עמיץ נישט אַזוי שיין אָדער גוט אויסגעזען, געהאַט עפּעס אַ פעלער, אָדער אפילו דאָס מינדעסטע שפּרענקעלע אויפן לייב — האָט מען אַזאַ איינע אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער צימער. די, וואָס זענען דאָרט אַריין, האָבן מיר שוין מער קיינמאָל נישט געזען. אונדז האָט מען אַריינגעפירט צוזאַמען מיט אַנדערע

פרויען אין אַ גרויסן זאַל, וואו מיר זענען געשטאַנען נאַקעטע אין משך פון עטלעכע שעה. פּלוצלונג זענען צו אונדז אַריינגעקומען עטלעכע פרויען אין ווייסע פאַרטיכער, מיט גאָל־מאַשינקעס אין די הענט. די פרויען האָבן מיט אונדז נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט און גענומען אונדז אָפּשערן די האָר פון די קעפּ און פון אַנדערע טיילן קערפּער. אָפּגעשוירן אַלעמען, האָט מען אונדז געפירט צו דער באָד. אין אַ גרויסן זאַל מיט שפּריצן האָט מען אָנגעפּאַקט פרויען וויפיל עס האָט נאָר געקאָנט אַריין. די ענגשאַפט איז געווען מוראדיק, מען האָט זיך נישט געקאָנט קיין ריר טאָן. דאַן האָט מען געעפנט די קראַנען און מיר זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט וואַסער. אָפּגעהאַלטן אונדז אַזוי אַ לענגערע צייט אונטערן וואַסער, האָט מען אונדז דערנאָך נאַסע, אויסגעווייקטע אַרויסגעפירט פון דער באָד. ביים אַרויסגאַנג זענען געשטאַנען פרויען אין די ווייסע פאַרטיכער און יעדע איינע פון אונדז אָפּגעוואַשן די קעפּ מיט קאַרבאָל. מיר זענען ווידער אַריין אין אַ גרויסן זאַל, וואו מען האָט אונדז געהאַלטן פאַרשפּאַרט אַ לענגערע צייט. מיר זענען דאָרט געשטאַנען ווי אויף יענער וועלט; צעחושטע, איינער האָט דעם אַנדערן נישט דערקענט. איך האָב גערופן מיין שוועסטער, וועלכע איז געשטאַנען נעבן מיר און זי האָט מיר נישט אָפּגעענטפערט — זי האָט מיך נישט דערקענט. דאַן זענען אַריינגעקומען פרויען־„קאַפּאָס", וועלכע האָבן אונדז פאַרטיילט קליידער. דאָס זענען געווען פאַרשמוצטע, פאַרשוואוּוערטע שמאַטעס אויסגעפּאַרעטע אין דער דעזינפעקציע און האָבן שרעקלעך געשטונקען. פאַרטיילט די מלבושים האָט מען בכיוון אַזוי, אַז מען זאָל אונדז דערנידעריקן. מען האָט ספּעציעל צוגעקליבן — אַ הויכע פרוי האָט מען געגעבן אַ זייער קורץ קלייד, אַ קליינע האָט געקראָגן אַ זייער לאַנג קלייד. יעדעס קלייד איז אויפן רוקן געווען באַשטרייפט און פאַרזען מיט אַ קרייץ. קיינער פון אונדז האָט זיך נישט אומגעקוקט דערויף וואָס פאַר אַ קלייד מען האָט באַקומען, אבי צוצודעקן דאָס נאַקעטע לייב. אָנגעטאָן — האָט מען אונדז אַרויסגעיאָגט אויף דער גאַס. איינגעשטעלט אין רייען און באַוואַכט דורך פרויען־„קאַפּאָס" האָט מען אונדז אַוועקגעפירט. מיר זענען אַזוי געגאַנגען אַ צוויי שעה, כסדר דורך באַראַקן, בלאָקן און טויערן. ענדלעך

האָבן מיר זיך פאַר איין טויער אָפּגעשטעלט, עטלעכע ס. ס.־מענער האָבן אונדז איבערגעציילט, פאַרשריבן אונדזערע נעמען און אַריינגע־פירט אין לאַגער אַריין.

מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ בלאָק: ביים אַריינגאַנג, לינקס, איז געווען אָפּגעטיילט אַ ווינקל, וואו עס האָט געוואוינט די בלאָק־עלטסטע. ווייטער איז געשטאַנען אַ פּאָליצע באַשטעלט מיט אַ ריי זייער גרויסע טעפּ. לענגאויס דעם בלאָק האָט זיך געצויגן אַ זייער גרויסער אויוון. אַרום די ווענט זענען געשטאַנען פיר־שטאָקיקע נאַרעס, אויף וועלכע מען איז געשלאָפן. די, וואָס האָבן קיין נאַרעס נישט גע־האַט, האָבן געקראָגן זייער מקום־מנוחה אויף דער גאָלער ערד. דער־פאַר האָט מען זיי געגעבן דעקעס — פיר פרויען איין דעק, בעת די, וואָס זענען געלעגן אויף די נאַרעס האָבן קיין דעקעס נישט געקראָגן.

די ערשטע נאַכט איז קיינער פון אונדז נישט געשלאָפן. מיר האָבן געוויינט איבער אונדזער פינסטערן גורל. דאָ האָבן מיר ערשט רעכט דערפילט אונדזער עלנט. דאָס געיאָמער אויף די נאַרעס און אויף דער ערד איז געווען מוראדיק. אין מיטן דער נאַכט, אין גרויסן געיאָמער, איז אַריין צו אונדז די בלאָק־עלטסטע מיט אירע מיטהעלפערינס — די „שטובע־דינסטן" — מיט שטעקנס אין די הענט און אונדז אויפ־געפאָדערט, אַז מיר זאָלן זיך באַרואיקן. זיי האָבן נישט נאָר גערעדט, זיי האָבן אויך מערדערלעך געשלאָגן און נישט איינע פון אונדז איז אין דער דאָזיקער נאַכט צעשלאָגן געוואָרן ביז בלוט.

אַזייגער דריי פאַרטאָג האָט מען אונדז אויפגעוועקט מיט אַ גע־שריי: „אויפשטיין". גיך האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן אויפן הויף. עס איז געווען פינסטער און קאַלט. מען האָט אונדז געגעבן געציילטע מינוטן פאַר נאַטירלעכע באַדערפענישן און אָפּוואַשן זיך. לענגאויס דעם באַראַק האָבן זיך געצויגן פיר קאַרעטעס מיט קראַנען — דאָרט האָט מען זיך געוואַשן. דאָס שטופעניש ביי די קראַנען איז געווען אומ־באַשרייבלעך. מען האָט געאַרבעט מיט די עלנבויגנס. ווער עס איז געווען שטאַרקער דער האָט זיך צוגעקריגן צום קראַן. פון דער צווייטער זייט באַראַק איז ווידער געווען דער קלאָזעט: אַ לאַנגע ריי מיט אויס־געהאַקטע לעכער אין צעמענט. אויך דאָ איז אָנגעקומען זייער שווער זיך

צוצוקריגן צו אן ארט. קוים באוויזן זיך צו דערליידיקן און א ביסל ארומצואוואשן — און א סך האבן נישט באוויזן אויך, — האט מען דערהערט א פייפעריי — דער סיגנאל צום אפעל. מען האט אונדז אויסגעשטעלט צו פינף אין א ריי און מיר זענען אזוי געשטאנען אויף דער קעלט ביז האלב צען אין דער פרי. טאמער האט זיך געטראפן, אז עמיץ איז פארמאטערט געווארן שטייענדיק און האט זיך צוגעזעצט אויף א ווייל, האט מען אלעמען באשטראפט מיט קניען און האלטן דערביי שטיינער אין די הענט. אזייגער צען איז אנגעקומען דער ס. ס.־מאן מיט אן ס.ס.־פרוי דורכצופירן דעם אפעל.

אין די טעג, ווען מען האט געבראכט נייע טראנספארטן, האט מען אונדז אלעמען אפגעשלאסן אין די בלאקן, כדי דער לאגער זאל אויסזען ווי אויסגעשטארבן. פון די מענטשן אין לאגער, וואס זענען דא געקומען פאר אונדז, האבן מיר זיך דערוואוסט וואו אייגנטלעך מיר געפינען זיך און וואס דא ווערט אפגעטאן מיט מענטשן. מיר האבן זיך דערוואוסט, אז מיר געפינען זיך אין אוישוויץ און אז דא פארברענט מען מענטשן. אזוי ארום האבן מיר ענדגילטיק פארלוירן אונדזער האפנונג זיך צו זען ווען עס איז מיט אונדזערע עלטערן. מיר האבן זיך אויך ביסלעכווייז איינגעלעבט מיטן געדאנק, אז היינט־מארגן קאן מען אויך אונדז אלע אוועקנעמען צום פארברענען. פון די אלטע איינוואוינער האבן מיר געקראגן אנווייזונגען ווי אזוי זיך אויפצופירן, מיר זאלן זיך נישט דערנענטערן צו די דראטן ארום לאגער, ווייל די דראטן זענען עלעקטריזירט. נישט איינמאל טאקע איז אונדז אין די נעכט אויסגעקומען צו הערן דאס ספאזמאטישע געשריי פון א פרוי, וועלכע האט זיך אין פארצווייפלונג געווארפן אויף די עלעקטרישע דראטן, כדי דארט ענדלעך צו געפינען דעם טויט.

ארום 12 בייטאג איז געווען א נייער סיגנאל צום אפעל. דאס מאל ווערט דער אפעל דורכגעפירט נישט דורך ס. ס., נאר דורך די בלאק־עלטסטע, — אליין געפאנגענע פרויען פון פארשידענעם אפשטאם — אפילו יידישע פרויען. דאס איז געווען דער מיטאג־אפעל. פאר אונדזער ריי האט מען צוגעברענגט א גרויסן קעסל מיט זופ. מיר זענען

געווען פארטיילט אין „פינפטלעך” און יעדעס „פינפטל” האט געהאט א טאפ, פון וועלכן מען האט געזופט די צוגעטיילטע זופ פון קעסל. קיין לעפל זענען נישט געווען, אזוי אז מען האט געזופט פון טאפ לויט דער ריי. עס זענען געווען „פינפטלעך” סאלידארע, מענטשלעכע, וואס האבן זיך איינער דעם אנדערן, ביים זופן די גריץ, גוט באהאנדלט. געווען אבער אזעלכע, וואס האבן זיך ארומגעריסן. די שטארקערע האבן צוגענומען דאס רוב עסן און פאר די שוואכערע כמעט גארנישט איבערגעלאזט, אדער אונגאנצן נישט צוגעלאזט צום טאפ. ווי די חיות האבן זיך אזעלכע „פינפטלעך” ארומגעריסן פאר יעדן טראפן זופ.

דאס עסן איז באשטאנען פון א זייער שיטערער און מאגערער זופקע פון קארטאפל אדער ארבעס. אפטמאל פלעגט מען קאכן זופן פון דער שפייז, וואס מען האט צוגענומען ביי די ניי־געקומענע טראנספארטן. יעדער איינער פלעגט דאך מיט זיך עפעס מיטברענגען — ברויט, קארטאפל, מעל, — דאס אלץ האט מען צוגענומען, ארייננגעשיט אין קעסל אריין און אפגעקאכט. דעמאלט איז ארויסגעקומען עפעס אזא מיש־מאש פון א זופ, מיט פארשידענע געשמאקן און ריחות, א פאפקע אן שום טעם. אבער איבער דעם דאזיקן עסן האבן זיך מענטשן געריסן איבער יעדן טראפן, און דער שטארקערער האט תמיד געהאט בעסער און מער. די בלאק־עלטסטע, וואס איז געשטאנען ביים קעסל און אויסגעטיילט דאס עסן, האט נאך צוגעהאלפן ארויסרופן גערייצטקייט, פארביטערונג און געשלעגן ביים הונגעריקן עולם. פארן קעסל פלעגט שטיין א ריי, פלעגט זי פלוצלונג נעמען דעם קעסל און אים אריבערפירן צום צווייטן עק ריי אזוי, אז ווער עס איז פריער געווען פון די ערשטע איז פלוצלונג געווארן פון די לעצטע. דאס פלעגט ארויסרופן א שטופעניש און א גערדאנג. דאס ווידער פלעגן אויסנוצן די בלאק־עלטסטע אפצנוטאן פארשידענע רשעות. תחילת פלעגט זי רופן צו בארואיקן זיך, איינצושטעלן זיך אין א סדר, אבער גיי רעד צו א הונגעריקער מאסע. אז עס האט נישט געהאלפן, דער עולם האט זיך ווייטער געשטופט, געשטויסן און געשריגן, האט די בלאק־עלטסטע גענומען דעם גאנצן קעסל עסן און אים אויסגעגאסן אויף דער ערד.

וואס האבן דעמאלט הונגעריקע מענטשן געטאן? — מען האט

זיך געוואָרפן אויף דער ערד און געלעקט די אויסגעגאָסענע זופּ ווי די חיות.

אָוונט־צייט האָט מען אונדז ווייער פּרי געיאָגט אויף די נאַרעם און אָפּגעשלאָסן די בלאָקן. איצט האָט זיך אין די בלאָקן אָנגעהויבן דאָס נאַכט־לעבן.

דער גרויסער לאַנגער אויוון איז איינגעהייצט געוואָרן נישט כדי אונדז צו וואַרעמען, נאָר אויף צו קאָכן אַ מאָלצייט פאַר דער בלאָק־עלטסטער און אירע מיטהעלפער פון דער „שטובן־דינסט". צוזאַמען זענען זיי געווען פינף מענטשן. ברויט האָבן זיי געהאַט גענוג, וואָרום נישט אַלץ וואָס איז פאַר אונדז געווען צוגעטיילט האָט מען אונדז טאַקע אַוועקגעגעבן. זייער פיל דערפון האָט די בלאָק־עלטסטע צוגענומען פאַר זיך און פאַר אירע מענטשן.

מיט שפּייז צום קאָכן האָט מען זיך אויך אַן עצה געגעבן. די בלאָק־עלטסטע האָבן געהאַט אַ צוטריט אומעטום אין לאַגער, געהאַט באַקאַנטשאַפט מיט די מענטשן פון קיך, אין די שפּייז־מאַגאַזינען, אין ביורא פון לאַגער, ווי צווישן די באַקלייד־אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן. צווישן אַט די אַלע מענטשן איז אָנגעגאַנגען אַ כסדרדיקער שוואַרצער האַנדל, אַ טויש פון זאַכן אויף זאַכן, פון שפּייז אויף שפּייז, ווי וואָס עמיץ האָט געדאַרפט. אַזוי אַרום האָבן די בלאָק־עלטסטע געהאַט שפּייז וויפיל און וואָס זיי האָבן געדאַרפט, און אין די אָוונטן האָט מען אין יעדן בלאָק געקאָכט ספּעציעלע מאָלצייטן פאַר דער בלאָק־עלטסטער און דער שטובן־דינסט. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס קאָכן איז געווען אַ סוד פאַר די דייטשן. אָפט האָט מען געמוזט אויסלעשן דעם אויוון אין מיטן קאָכן, פאַרגיסן דעם אויוון מיט וואַסער, ווייל מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ס. ס. איז געקומען אויף אַן אינספּעקציע.

מיר האָבן זיך ביסלעכווייז איינגעלעבט מיט אונדזערע צרות, צוגעוואוינט זיך צו אונדזער נייער לאַגע און אין די נעכט ווי עס איז רואיק געשלאָפן. אַזוי זענען פאַרביי עטלעכע טעג און נעכט. אויף קיין שום אַרבעט האָט מען אונדז דערווייל נישט געשיקט.

אויפן צענטן טאָג, ביים אַפּעל, האָט מען אָפּגעטיילט אַ גרופּע פון 250 פרויען, אין וועלכער אויך איך מיט מיין שוועסטער האָבן זיך

געפונען. דאָס זענען געווען בלויז יונגע און געזונטע אויסזעענדיקע פרויען. מען האָט אונדז אַרויסגעפירט פון לאַגער.

עטלעכע שעה זענען מיר געגאַנגען צופוס ביז מיר זענען אָנגעקומען אין אַ נייעם לאַגער. מיר האָבן דאָרט אָנגעטראָפן אויף אַ סך לאַדזשער. צווישן אַנדערע האָבן מיר דאָרט געטראָפן צוויי באַקאַנטע מיידלעך — די צוויי שוועסטערן שלעזינגער פון לאָדזש. מיר האָבן אין לאָדזש געוואוינט צוזאַמען אויף איין הויף. די יונגערע, באַסיע שלעזינגער, לעבט. די עלטערע, שרה, איז געשטאָרבן אין לאַגער.

מען האָט אונדז ווידעראַמאָל רעגיסטרירט, צוגעפירט צו אַ הייזל, פון וועלכן עס זענען אַרויסגעקומען אַ מאַן מיט צוויי פרויען אָנגעטאָן אין ווייסע פאַרטיכער. ווידער אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג. ווידער האָט מען געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט און יעדע פון אונדז האָט פאַרביימאַרשירט פאַר דעם מאַן און די צוויי פרויען. געזונטע, יונגע און גוט געבויטע האָט מען דורכגעלאָזט. עלטערע, שלעכט געבויטע און גאָר יונגע האָט מען פאַרהאַלטן. איינע פון די קאָנטראָלירנדיקע פרויען האָט אויך מיך פאַרהאַלטן. זי האָט מיך געפרעגט, צי איך בין נישט שוואַנגער. איך האָב איר געענטפערט, אַז ניין. זי האָט מיך דעמאָלט געפרעגט, צי איך האָב שוין אַמאָל געלעבט מיט אַ מאַן. אַז איך האָב איר געענטפערט, אַז ניין, האָט זי צו מיר געזאָגט: דאָ, אַז דו וועסט וועלן, וועסטו האָבן די געלעגנהייט צו לעבן מיט מענער.

פון אונדזער גרופּע פון 250 פרויען האָט מען פאַרהאַלטן און נישט דורכגעלאָזן 12 פרויען. די רעשט האָט מען אַוועקגעפירט אויף אַ גרויס פעלד. אַרום אונדז זענען געווען באַראַקן. פאַרנאַכט זענען אין די באַראַקן אַריין געקומען גרופּעס מענטשן, וואָס האָבן דעם גאַנצן טאָג ערגעץ וואו געאַרבעט. פון די דאָזיקע מענטשן האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דער לאַגער, אין וועלכן מיר געפינען זיך, הייסט — בירקענאַו. דאָ, אינם דאָזיקן לאַגער, האָבן מיר קיין סך ייִדן נישט באַגעגנט. דאָס רוב איז באַשטאַנען פון קריסטלעכע פרויען: פּוילישע, אוקראַינישע און טשעכישע מיט טאַטוּאירטע נומערן פון סוף 1941.

מיר זענען אַזוי געשטאַנען אין פעלד ביז שפּעט אין דער נאַכט. פון דער ווייטנס האָבן מיר געזען, אויף אַ גאַנצע ריי פונקטן, רו-

פלאַמען גייען אויף. מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט, וואָס דאָס זענען פאַר אַ פייערן. איינער פון דער וואַך, אַ קריסט, אַליין אַ געפאַנגענער, האָט אונדז אָפּגעענטפערט: איר פילט דען נישט?

און טאַקע: מיר האָבן געפילט עפּעס אַ מאָדנעם ריח אַרום אונדז, אַ ביטערן און שטיקענדיקן ריח. און דער קריסט האָט צוגעגעבן: דאָס ברענט מען אין די קרעמאַטאָריעס פאַרגאַזטע מענטשן. מיר האָבן נישט געגלויבט. עס האָט זיך קיינעם נישט געקענט גלויבן, אוממעגלעך געווען צו גלויבן אַזאַ שרעקלעכע זאַך.

אַרום האַלבער נאַכט האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און אַוועקגעפירט אין באָד אַריין. פאַר דער באָד האָט מען אונדז געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט. עס האָט מוראַדיק גערעגנט און מיר זענען אַזוי געשטאַנען אונטערן פרייען הימל, אונטערן גאָס רעגן נאַקעטע, שעהן לאַנג, ביז מען האָט אונדז אַריינגעלאָזט אין דער באָד. נאָך דער באָד האָט מען אונדז פאַרטיילט נייע מלבושים: הויזן, אַ העמד, אַ קלייד אין פּאַסן און אַ פּאָר שיך. אַרויסגעקומען פון דער באָד זענען מיר שוין פאַרטאָג און אויף דער צווייטער זייט פון לאַגער. קיין פייערן האָבן מיר מער שוין נישט געזען. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט צו דער באַן.

מען האָט אונדז פאַרלאַדעוועט אין פראַכט־וואַגאָנעס, מיטגעגעבן שפּייז אויף דריי טעג: אַ שטיקל ברויט מיט אַ שטיקל וואורשט און מיר זענען אָפּגעפאָרן. אין וועג זענען מיר געווען דריי טעג. אין משך פון דער צייט האָט זיך דער צוג עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט און יעדעס מאָל האָט מען פון צוג אָפּגעטשעפּעט עטלעכע וואַגאָנעס פון סוף צוג. מיר זענען ווייטער געפאָרן. די גאַנצע צייט זענען מיר געווען אָפּגעשלאָסן, נישט געהאַט קיין טראָפּן וואַסער. אויף צו דערליידיקן נאַטירלעכע באַדערפעניש האָבן מיר מיט זיך געהאַט אַן עמער, וועלכער איז גיך פאַרפולט געוואָרן און איז אַזוי געפאָרן מיט אונדז די גאַנצע צייט. דאָס געשטאַנק אין וואַגאָן איז געווען מוראַדיק. טייל מענטשן זענען אין וועג קראַנק געוואָרן.

אויף דער דריטער נאַכט איז די באַן געבליבן שטיין און מען האָט אונדז אַרויסגעפירט פון די וואַגאָנעס. מיר זענען צופוס דורכגעגאַנגען

אַ שטעטל, וואָס איז געווען פולשטענדיק פאַרפינסטערט און אָפּגע־שטאָרבן, ביז מיר זענען צוגעקומען ערגעץ צו אַ גרויסן טויער, אין וועלכן מען האָט אונדז אַריינגעפירט. מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ פּלאַץ צווישן צוויי בלאָקן. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געשטאַנען אויפן דאָזיקן פּלאַץ. אין דער פרי האָבן מיר זיך דערוואוסט וואו מיר געפינען זיך, אַז מיר זענען אין ראַווענסבּרוק.

צוויי מעת־לעת האָבן מיר געלעבט אויף דעם פּלאַץ. אויף דער צווייטער נאַכט האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין באָד. אויסגעבאָדן זיך, האָט מען אונדז ווידער געגעבן נייע מלבושים און דאַן האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אונדזער בלאָק אַריין.

דאָס איז געווען אַ בלאָק מיט ציגיינער־פרויען. צוויי וואָכן האָבן מיר געלעבט אין דעם בלאָק צוזאַמען מיט די ציגיינער־פרויען און דאָרט קיין איין רואיקע מינוט נישט געהאַט, נישט בייטאָג, נישט ביי־נאַכט. די בלאָק־עלטסטע, ווי די שטוב־דינסטן, זענען געווען ציגיינע־רינס, וועלכע האָבן אונדז געטריבן צו פאַרשידענע אַרבעטן, וואָס זיי האָבן פריער, איידער מיר זענען דאָ אָנגעקומען, אַליין געמוזט טאָן. זיי האָבן ביי אונדז אויך צוגענומען די פּאַרציעס ברויט, וואָס מען האָט פאַר אונדז צוגעטיילט. ביינאַכט שלאָפן האָט מען אויך נישט געקענט, מען האָט זיך נישט געקענט אויסטאָן, וואָרום די ציגיינערינס האָבן געגנבעט. יעדע זאַך, וואָס נאָר מען האָט געקענט, האָט מען אַוועקגע־כאַפּט פון אונטער דער האַנט אַפער.

נאָך צוויי וואָכן האָט מען אונדז ווידעראַמאָל אויסגעבאָדן, געגעבן ריינע וועש און צוריק — די קליידער, אין וועלכע מיר זענען אַהער געקומען און מען האָט אונדז אַוועקגעשיקט.

נאָך דריי טעג פאָרן מיט דער באַן האָט זיך דער צוג אונדזערער אָפּגעשטעלט און מען האָט געעפנט די וואַגאָנעס. אַרום באַן־וועג האָבן געאַרבעט פּוילישע פרויען, פון וועלכע מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז מיר זענען אין לייפּציג. דער גאַנצער וואָקזאַל איז געווען חרוב פון באָמבאַרדירונגען און די פּוילישע פרויען האָבן געאַרבעט ביים אָפּ־ראַמען די חורבות.

אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געשטאַנען אויפן וואָקזאַל אונטער אַ וואַך

פון ס. ס. ביינאַכט האָט מען ווידער אָפּגעשלאָסן די וואַגאָנעס און דער באַן האָט געריקט פון אָרט. מיר זענען ווידער געפאָרן דריי טעג, אָבער דאָס מאָל שוין אינגאַנצן אָן עסן. אויפן דריטן טאָג האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט, געעפנט די וואַגאָנעס און מען האָט אונדז געהייסן אויסשטייגן. עס זענען אָנגעקומען עטלעכע מיליטער־לייט און ציווילע דייטשן. איינער פון די מיליטער־לייט האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי דער עלטסטער פון לאַגער און אַז ער נעמט אונדז איבער אין זיין רשות. אַרויסגייענדיק פון וואַקזאַל האָבן מיר דערזען אַן אויפשריפט: מילהויזען־טירינגען.

מיר זענען געגאַנגען איבער די מילהויזענער גאַסן. ס'איז נאָך געווען גאַנץ פרי, איבער די גאַסן זענען געגאַנגען מענטשן צו דער אַרבעט. זיי האָבן אויף אונדז געקוקט ווי אויף ווילדע באַשעפענישן. מיר האָבן טאַקע געמוזט אויסזען ווילד: אָפּגעגאָלטע, אין קאַצעט־קליידער, צעשראָקענע, שמוציק און פאַרמאַטערט האָבן מיר, דאַכט זיך, קיין אויסזען פון מענטשן נישט געקענט האָבן. אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג, זענען מיר צוגעקומען צו אַ ריי פון טראַמווייען, וואָס האָבן אויף אונדז געוואַרט. מיט די דאָזיקע טראַמווייען זענען מיר, נאָך אַ האַלבער שעה פאָרן, אַרויסגעקומען הינטער דער שטאָט. נאָך אַ קורצן מאַרש צופוס זענען מיר צוגעקומען צו אַן אָרט, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט דראָט. דאָרט איז געווען אונדזער לאַגער.

מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסער קאַנטינע באַשטעלט מיט טישן, דעקאָרירט מיט נאַצי־פענער און באַהאָנגען מיט בילדער פון נאַצי־פירער. מען האָט אונדז געהייסן זיך אויסזעצן ביי די טישן און מען האָט דערלאַנגט קאַווע, צוגעטיילט יעדן איינעם אַ דעק און אונדז געלאָזט איבערשלאָפן די נאַכט אין דער קאַנטינע.

אין דער פרי האָט מען אונדז געגעבן שוואַרצע קאַווע מיט ברויט און אַרויסגעפירט אויפן הויף. מען האָט אונדז פאַרטיילט שטרוי צו פאַרפילן די זעק אויף וועלכע מיר האָבן געדאַרפט שלאָפן, צוגעגעבן יעדער נאָך צוויי דעקעס אַזוי, אַז יעדע האָט געהאַט צו דריי דעקעס. מען האָט אויך געגעבן יעדער אַ שיסל, אַ טעפּל און לעפל מיט אַ מעסער און דערקלערט, אַז די אַלע זאַכן, דאָס דאָזיקע גאַנצע פאַרמעגן

געהער צו אונדז. פון דער גוטער באַהאַנדלונג האָבן מיר עפּעס ווי אויפגעלעבט, דערפילט זיך צוריק ווי מענטשן.

צומאָרגנס האָט מען אונדז פאַרטיילט אין גרופּעס און צעשיקט אויף אַרבעט. איידער מיר זענען אַוועק צו דער אַרבעט האָט אונדז דער פירער פון אַרבעטס־לאַגער געזאָגט, וואָס מיר וועלן טאָן, אַז מיר וועלן האָבן אַ לייכטע אַרבעט — מיר וועלן מאַכן „זייגערלעך". און דאָס זענען טאַקע געווען זייגערלעך, בעסער געזאָגט — זייגערס, אָבער פון אַ ספּעציעלן מין. דאָס זענען געווען זייגערס צו די ראַקעטן „וו. 2".

אונדזער פאַבריק האָט זיך געפונען אין אַ וואַלד עטלעכע קילאָ־מעטער פון לאַגער. אין לאַגער זענען געשטאַנען גרויסע געמויערטע פאַב־ריק־געביידעס, וואָס זענען געווען פאַרמאַסקירט קעגן לופט־אָנגריפן. אויף די דעכער פון די געביידעס איז געווען אָנגעלייגט ערד, אין וועלכער עס זענען געווען פאַרפלאַנצט ביימער און גראָז. אַרום די געביידעס איז געשטאַנען אַ זייער הויכע מויער אַזוי, אַז פון דרויסן האָט מען נישט געקענט זען וואָס אינעווייניק טוט זיך.

אין דער פאַבריק האָבן מיר נישט געהאַט צו טאָן מיט קיין ס. ס. און נישט מיט קיין מיליטער, נאָר מיט ציווילע דייטשן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך אפילו נאָך אַ קורצער צייט באַפריינדעט. זייער באַציאונג צו אונדז איז געווען זייער אַ גוטע, מאַנכע האָבן אפילו בסוד אַרויסגע־האָלפן אונדז מיט וואָס זיי האָבן געקאָנט — אונטערגערוקט אַ שטיקל ברויט אָדער אַנדערע שפּייז, וואָרום צופיל צו עסן האָבן מיר אויך דאָ נישט געקראָגן. איך אַליין האָבן די גאַנצע צייט זיך פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן איין איינציק שרייפל, אַ קליין שרייפעלע. אין די טויזנ־טער האָב איך אַזעלכע שרייפעלעך אויסגעאַרבעט.

דער רעזשים אין פאַבריק איז געווען אַ דערטרעגלעכער. די אַפּעלן זענען פאָרגעקומען גיך און אָן שום באַזונדערע מאַטערנישן. דאָס ציילן איז צוגעגאַנגען גיך, מען האָט נישט געפּייניקט. זיבן אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט, זייגער צען האָבן מיר געהאַט צען מינוט פרישטיק, פון איינס ביז האַלב צוויי — מיטאָג: גוטע און געדיכטע זופּן פון קאַרטאָפל און גרויפּן אָדער לאָקשן. די אַרבעט האָט זיך גע־ענדיקט זייגער זעקס. אָפט פלעגט די אַרבעט אין משך פון טאָג איבער־

געריסן ווערן צוליב לופט־פלי־אלארמען. בעת די אלארמען זענען מיר אלע אראפ אין די בונקערס אונטער דער ערד. בכלל איז די פאבריק אין דער הינזיכט געווען גוט איינגעאָרדנט. די קאנטינעס, די בונקערס — מיט עלעקטרישער באלייכטונג, מיט וואסער, קלאָזעטן און בענק צום זיצן. דאָס אלץ האָט מען נישט געמאכט פאר אונדזערטוועגן, פארשטייט זיך. איידער מיר זענען אהער געקומען, האָבן דאָ געארבעט דייטשן און פאר זיי האָט מען די אלע באקוועמלעכקייטן געמאכט. מיר האָבן פארנומען זייער אָרט אין פאבריק נאָכדעם, ווי די ארבעטער פון דער פאבריק זענען אוועקגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט. די געגנט פון פאבריק, דער וואלד ארום, איז פיל מאָל באָמבארדירט געוואָרן, אין פאבריק אריין האָט אָבער קיין איין באָמבע נישט געטראָפן. די עראָפּלאַנען האָבן די פאבריק געזוכט, אָבער נישט געקענט אויסגעפינען איר ריכטיקן פלאץ.

אין דער פאבריק האָב איך געארבעט זיבן חדשים, פון אָן ערך סעפטעמבער 1944 ביז מערץ 1945. אין די לעצטע חדשים האָט זיך די פאבריק אָפטמאָל אָפּגעשטעלט צוליב מאנגל אין עלעקטרי. דער צופיר פון קוילן איז שוין געווען באשווערט. מיר פלעגן זיצן גאנצע טעג אין פאבריק און וואַרטן ביז זי וועט ווידער אָנהויבן גיין.

אין לאגער האָט זיך געפונען א שפיטאָל, וואָס איז באדינט געוואָרן דורך א דאָקטאָר, וועלכער פלעגט קומען פון בוכענוואלד. בוכענוואלד איז געווען די צענטראלע פון אונדזער לאגער. סיי אין לאגער, סיי אין דער פאבריק זענען מיר קיינעם נישט באקאנט געווען מיט אונדזערע נעמען, נאָר לויט די נומערן. יעדער פון אונדז האָט געטראָגן צוגענייט אויפן לינקן אָרעם א נומער און א געל־רויטן מגן־דוד מיט א צייכן „פ״. האָט מען עמיצן אויסגערופן, האָט מען אים גערופן לויטן נומער.

פאר דער גאנצער צייט, וואָס מיר זענען געווען אין דעם לאגער, איז אויף 250 פרויען געווען איין טויט־פאל: א מיידל איז געשטאָרבן אויף א געהירן־אָנטצינדונג. די סאניטארע באדינגונגען זענען געווען גוטע. יעדע צווייטע וואָך האָט מען אונדז געגעבן ריינע וועש און א באָד. די זונטיקס זענען געווען פרייע. עס זענען בלויז געווען אפּעלן, ווען

מען האָט אונדז איבערגעצייילט און דערנאָך געלאָזט פריי זיך באַוועגן אין לאַגער.

קיין שום ידיעות וועגן דעם, ווי עס זעט אויס די לאַגע, ווי עס האַלט מיט דער מלחמה, וועגן דעם, אַז די דייטשן ליידן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער, האָבן מיר נישט געהאַט. בשכנות פון אונדזער לאַגער איז געווען אַ לאַגער מיט אינטערנירטע רוסישע פרויען. זיי האָבן געהאַט מער באַוועגונגס־פרייהייט ווי מיר, געקענט אפילו אַרויסגיין און שטאָט אַריין. איינמאָל האָט איינע פון די רוסישע פרויען אַריבערגעוואָרפן אויף אונדזער זייט אַ בריוול. אין דעם בריוול איז געשטאַנען, אַז מיר זאָלן זיך האַלטן, אַז דער סוף דערנענטערט זיך, אַז „אונדזערע קומען שוין אָן". דאָס איז געווען די איינציקע ידיעה, וואָס מיר האָבן געקראָגן וועגן דער לאַגע.

דעם 1־טן מערץ 1945 האָט זיך פּלוצלונג די אַרבעט אין אונדזער פאַבריק אָפּגעשטעלט. נאָך מיט עטלעכע טעג פריער האָט אונדז איינער פון די דייטשע מייסטערס בסוד איבערגעגעבן, אַז מיר וועלן וואַרשיינלעך אוועקגעפירט ווערן פון דאַנעט, ווייל דער פראָנט דערנענטערט זיך. מיר האָבן דערין נישט געגלויבט. איצט, אַז די אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן מיר דערזען, אַז עפּעס קומט טאַקע פאָר. אין לאַגער איז געוואָרן אַן אויפרודער. מיר האָבן געמוזט אָפּגעבן צוריק אַלץ, וואָס מיר האָבן באַקומען ווען מיר זענען אָנגעקומען: די דעקעס, די כלים, און ביינאַכט זענען מיר אַלע, צוזאַמען מיט די ס. ס. מענער און פרויען און דעם לאַגער־קאָמענדאַנט אַוועק. דער לאַגער איז ליקווידירט געוואָרן.

נאָך עטלעכע טעג פאָרן זענען מיר אָנגעקומען קיין בערגען־בעלזען.

מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ בלאָק אָן פענצטער און אָן טירן. די נאַכט, וואָס מיר זענען איבערגעשלאָפן אין דעם בלאָק איז געווען אַ שרעקלעכע. פינף הונדערט נפשות אָנגעשטאָפּטע ווי די הערינג אין אַ פאַס. מען איז געלעגן איינער אויפן אַנדערן, נישט מעגלעך געווען אַ דיר צו טאָן מיט אַן אבר. דאָס געשטאַנק איז געווען מוראדיק. אין בלאָק האָבן זיך געפונען קלאָזעטן — גריבער אָן קאַנאַליזאַציע. אין משך פון אַ פּאָר שעה זענען די גריבער פאַרפולט געוואָרן, דאָס שמוץ

איז אריבערגערונען איבער די גריבער און, צעגאָסן זיך איבער דער ערד, אויף וועלכער מענטשן זענען געלעגן.

צומאָרגנס בייטאָג האָט מען אַ טייל פון אונדזער גרופּע אָפּגע־שיקט אַרבעטן אין די קיכן און מאַגאַזינען און אַ צווייטע גרופּע, אין וועלכער אויך איך האָב זיך געפונען, האָט מען אָפּגעשיקט אויף אַ פּלאַץ, וואו עס האָבן זיך געפונען זייער אַ סך מענטשן, וועלכע מען האָט נישט גענוצט צו קיין שום אַרבעט. דאָ אַהער האָט מען געשיקט שטאַרבן, אויסגיין פון קרענק, הונגער און קעלט.

בערגען־בעלזען איז געווען געטיילט אין צוויי טיילן: איין טייל — וואו מען האָט געהאַלטן מענטשן, וועלכע מען האָט גענוצט צו פאַרשי־דענע אַרבעטן, און אַ צווייטער טייל — וואו מען האָט געהאַלטן פאַר־שפּאַרט מענטשן אין שמוץ, הונגער און קעלט. דאָס זענען געווען בעיקר שוין קראַנקע מענטשן, מענטשן וואָס זענען אין לאַגער, ביי דער אַר־בעט, קראַנק געוואָרן און מען האָט זיי אָפּגעשיקט אַהער שטאַרבן. און די שטערבלעכקייט איז דאָ טעגלעך געווען אַן אומגעהויערע. קיין עסן האָט מען דאָ אינגאַנצן נישט געגעבן, די געביידעס זענען געווען פאַרשמוצט, פאַרלייזיקט און פאַרוואַנצט. מענטשן זענען דאָ אויפגעפרעסן געוואָרן לעבעדיקערהייט פון אומפּלייט. דאָ האָבן זיך אַרומגעשלעפּט שוין אינ־גאַנצן נישט קיין מענטשן, נאָר שאָטנס, לעבעדיקע מתים. אַהער האָט מען אונדז פאַרשיקט, כאָטש אונדזער גרופּע האָט געהערט צו די אַר־בעטספעאיקע. צי דאָס איז געווען אַ צופאַל, צי נישט — ווער קאָן דאָס וויסן? אין אָט דעם דאָזיקן טייל לאַגער זענען מיר געווען עטלעכע טעג. אויפן דריטן טאָג זענען פּלוצלונג אַריינגעקומען עטלעכע דייטשן, געזען, אַז דאָ דרייען זיך אַרום אַ ביסל געזונטע מענטשן, האָט מען אונדז צו־ריק אַרויסגענומען פון דאַנען און אָפּגעשיקט צו אַן אַרבעט.

מיר האָבן געאַרבעט אין די מאַגאַזינען פון אַלטע מלבושים. פון גומענע מאַנטלען און פּלאַנדעקעס האָבן מיר געשניטן לאַנגע פּאַסן, פון וועלכע מיר האָבן דערנאָך געפלאָכטן „צעפּ“, געמאַכט קנויטן, וועלכע מען האָט געדאַרפט צו מיליטערישע צוועקן, צום אויפריים־מאַטעריאַל. אויך דאָ איז געווען אומגעהויער שמוציק, די לייז זענען געקראָכן אי־בערן לייב. אין דער פרייער צייט האָט מען נישט געטאָן קיין שום אַנ־

דערע זאַך, ווי נאָר געלויזט זיך — אראָפּגענומען פון זיך די קליידער און זיי גערייניקט פון די לייז.

געאַרבעט האָט מען פון פאַרטאָג ביז טיף אין אָוונט. ביי אונדז האָט מען נישט געוואוסט פון דעם, וואָס עס הייסט צייט. אויטאָמאַטן זענען מיר געווען און ווי אויטאָמאַטן האָבן מיר געאַרבעט. ביינאַכט האָט מען אונדז צוריקגעבראַכט אין באַראַק אריין, מיד און צעבראָכן איז מען אַרויף אויף די געלעגערס — אַ שמאָלע נאַרע פאַר פיר פרויען. געוואַשן האָבן מיר זיך כמעט נישט. געווען אין אונדזער בלאָק אַ גרויס וואַש־צימער, וואָס איז אין דער פרי אינגאַנצן געווען געשלאָסן, אָפן געווען בלויז ביינאַכט. אָבער זייער ווייניק פרויען האָבן געוואַגט צו גיין אין וואַש־צימער אַ ביסל זיך אָרומוואַשן פון שמוץ. מען האָט דאָס וואַש־צימער אויסגעמיטן, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר קלעפּ. די בלאָק־עלטסטע, אַ יידישע פרוי פון טשעכיע, האָט געהאַט אַ באַזונדער פאַר־גניגן אַריינצוקומען אין וואַש־צימער און אָן אַ פאַרוואָס מיט אַ שטעקן שלאָגן די האַלב־נאַקעטע פרויען איבער די קעפּ און איבער די לייבער. איז מען פאַרוואַקסן אין שמוץ און אין וואַש־צימער כמעט נישט געגאַנגען.

אין שכנות פון אונדזער בלאָק איז, אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט, געווען אַ בלאָק פאַר מענער. די מענער זענען שוין דאָ געווען פון גאַנץ לאַנג און יעדן אינדערפרי, ביים אַפּעל, האָבן מיר אויפן פרייען פעלד, וואו דער אַפּעל איז פאָרגעקומען, געזען אויפגעזאַמלט צענדליקער טויטע, אָנגעוואָרפענע איינער אויפן אַנדערן. די שטערבלעכקייט צווישן די מענער איז בכלל געווען אַ גרעסערע, ווי צווישן אונדז, פרויען. די דייטשן האָבן זיך געפּירט, אַז יעדן אינדערפרי, ביים אַפּעל, ביים ציילן די מענטשן, האָט מען געמוזט פעסטשטעלן ווער עס פעלט: געשטאָרבן, קראַנק, אָדער אַנטלאָפן. אַנטלויפן איז געווען דאָ כמעט אַן אויסגעשלאָסענע זאַך. דערפאַר זענען יעדע נאַכט אין יעדן בלאָק געווען טויטע און אויך די טויטע האָט מען געמוזט אַרויסטראָגן צום אַפּעל. נאָכן ציילן די לעבעדיקע האָט מען איבערגעציילט די טויטע, פעסטגעשטעלט צי די אַלגעמיינע צאָל שטימט, דעמאָלט איז אַלץ געווען אין אָרדנונג. דער אַפּעל איז אַדורך בשלום. נישט ווייט פון אונדזער בלאָק

איז געווען אַן אָרט, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּלויט. וואָס דאָרטן טוט זיך האָט מען פון דרויסן נישט געקענט זען. מען האָט בלויז געזען אַרויסשטאַרצן אַ הויכן קוימען, פון וועלכן עס האָט כּסדר געזעצט אַן עסנדיקער רויך. דאָרט איז געווען אַ קרעמאַטאָריע, דאָרט האָט מען געברענט מתים. קיין גאַז־קאַמערן זענען אין בערגען־בעלזען נישט געווען, עס זענען אָבער גענוג מענטשן אַוועקגעשטאָרבן יעדן טאָג אָן גאַז־קאַמערן אַזוי, אַז די קרעמאַטאָריע האָט געהאַט גענוג אַרבעט. יעדן טאָג האָט מען פאַר אונדזער טויער פאַרביי־געפירט צו דער קרעמאַטאָריע וועגענער פול פאַרלאָדעוועטע מיט טויטע צום פאַרברענען. אויפן וועג צו אונדזער אַרבעט־פּלאַץ האָבן מיר, אויף איין אָרט, געזען ליגן ריזיקע קופּעס — בערג מיט שיכוואַרג, כּלערליי שיך: מענער־שיך, פרויען־שיך און קינדער־שיכלעך. דאָס האָט מען אַראָפּגעצויגן פון די טויטע אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף זיך און געפירט זיי צום פאַרברענען נאַקעטערהייט.

דריי וואָכן האָבן מיר געאַרבעט אויף דעם פּלאַץ, וואו מען האָט געמאַכט די „צעפּ". מיט אַמאָל האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אויף אַן אַנדער אָרט, צו אַן אַנדער אַרבעט. אין איינעם פון די גרויסע באַראַקן איז געווען אַ מאַגאַזין פון מיליטערישע מלבּושים: מונדירן, הויזן, וועש, זאָקן און פאַרשידענע קלייניקייטן, וואָס אַ זעלנער דאַרף האָבן: נאָדלען און פאָדים, למשל, און פאַרשידענע אַנדערע זאַכן. דעם דאָזיקן ריזיקן מאַגאַזין מיט זאַכן האָבן מיר געדאַרפט אַריבערטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט. אַ סך פון אונדז האָבן דערביי ריזיקירט און צוגעגנבעט פאַרשידענע זאַכן, כּדי צו קענען פאַרטוישן אויף אַנדערע זאַכן, דער עיקר שפּייז. אין לאַגער איז אָנגעגאַנגען אַ כּסדרדיקער האַנדל, אַ טויש פון זאַכן אויף זאַכן. אין אַלע לאַגערס אַזוי. אויך איך האָב ריזיקירט און געגנבעט אַ פּאָר זאָקן. ווייזט אויס, אַז עמיץ האָט צוגעטראָגן די דייטשן, אַז מען גנבעט, וואָרום פּלוצלונג האָט מען אונדז אַלעמען נאָך דער אַרבעט אַריינגעפירט אין אַ ליידיקן באַראַק, וואו מען האָט אונדז אויפגעפאָדערט פרייוויליק אָפּצוגעבן אַלע געגנבעטע זאַכן, וואָס מיר האָבן מיט זיך, אויב נישט — וועט מען שלאָגן. באַלד דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די רעוויזיע. עס פאַרשטייט זיך, אַז יעדער איינער האָט גיך

אונטערגעוואָרפן אַלץ, וואָס מען האָט געהאַט ביי זיך און דער באָדן איז גיך פאַרפולט געוואָרן מיט אַ באַרג פאַרשידענע זאַכן. מאַנכע האָט מען געכאַפּט ביי דער האַנט און די דאָזיקע מענטשן האָט מען דערנאָך אַזוי מוראדיק צעשלאָגן מיט שטעקנס און פויסטן, אַז קיין איינער פון זיי איז נישט אַרויס מיט קיין גאַנצע ביינער. געווען אַזעלכע, וואָס מען האָט ביי זיי אונטערגעהאַקט די לונגען, דאָס האַרץ און זיי זענען קורץ דערנאָך געשטאָרבן פון די קלעפּ.

פאַרענדיקט די אַרבעט אין מאַגאַזין האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אַרבעטן אין אַ וואַלד. מען האָט געמוזט אונטערהאַקן ביימער און די ביימער דערנאָך אַוועקשלעפּן, דערביי האָבן די ס. ס.-לייט מוראדיק געטריבן, צוגעיאָגט מען זאָל די ביימער שלעפּן וואָס גיכער. די ביימער האָט מען געדאַרפט צושלעפּן ביזן טויער פון קרעמאַטאָריע. דאָרט האָבן שוין געאַרבעט מענער, וועלכע האָבן די ביימער ווייטער געשלעפּט אין הויף אַריין. דאָס טויער איז געווען אָפן אַזוי, אַז איך האָב געזען וואָס עס טוט זיך אינעווייניק.

איך האָב געזען אויסגעגראָבענע גריבער, אין וועלכע מען האָט אַריינגעלייגט שיכטן האָלץ און שיכטן טויטע צום פאַרברענען. מאַנכע גריבער זענען שוין געווען פאַרפולט און די שיכטן האָלץ און טויטע האָבן געגרייכט עטלעכע מעטער איבער דער ערד. אונדזער אַרבעטס-גרופּע האָט דאָ געטראָגן דעם נאָמען: „האָלץ-קאָמאַנדאָ". צו דער שווע-רער אַרבעט און צו דעם יאָגעניש ביי דער אַרבעט, האָבן מיר נאָך אי-בער זיך געהאַט איין ס. ס.-מאַן, וועלכער פלעגט קומען אין וואַלד אַריין מיט פינף הינט. טאָמער איז געווען ווייניק דאָס טייוולאָנישע יאָגן דורך די ס. ס.-מענער, האָט מען נאָך אויף אונדז אָנגערייצט די הינט און אַ סך פון אונדז זענען יעדן טאָג צוריקגעקומען פון דער אַר-בעט צעריסענע, צעביסענע און צעשאַרפּעטע פון די הינט.

ביי יענער צייט זענען קיין בערגען-בעלזען אָנגעקומען זייער אַ סך נייע טראַנספּאָרטן. אין די טויזנטער, אפשר אין די צענער-טויזנ-טער, זענען אָנגעקומען נייע מענטשן. דער לאַגער איז אַזוי פאַרפולט געוואָרן, אַז עס האָט פאַרפעלט אָרט אין די באַראַקן וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. עס זענען געווען אַזוי פיל מענטשן, אַז מען האָט נישט

געהאַט מיט זיי וואָס צו טאָן. די ענגשאַפט און דער געדראַנג האָט לויזגעמאַכט די קאָנטראָל אין לאַגער. מענטשן האָבן דאָס אויסגענוצט. איך און מיין שוועסטער האָבן באַשלאָסן מער נישט צו גיין אין וואַלד אַריין אַרבעטן, באַשלאָסן אויסצובאַהאַלטן זיך.

אויפן פערטן טאָג, אין דער פרי, באַלד נאָכן אַפּעל, זענען מיר אַרויס פון דער ריי און זיך אויסגעמישט מיטן אַרומיקן עולם. מען האָט געדאַרפט זיך אויסבאַהאַלטן די ערשטע עטלעכע שעה, ביז די האַלץ־קאָמאַנדע וועט אַוועק אין וואַלד אַריין. אויף פאַרשידענע ערטער האָבן מיר זיך באַהאַלטן: אין אַ קלאָזעט, אין אַ גרוב, אין אַ ווינקל ערגעץ, כסדר געביטן דאָס באַהעלטעניש, ביז די עטלעכע שעה זענען פאַרביי. אַז די גרופּע אונדזערע איז שוין געהאַט אַוועק, זענען מיר צוריקגעקומען אין באַראַק אַריין. דאָרט האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט דער בלאָק־עלטסטער, וועלכע האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט אַזעלכע ווי מיר. ווייל אונדזער צאָל איז געווען זייער אַ גרויסע. זי האָט געזידלט. געשריגן און געדראָט צו מעלדן די דייטשן. אונדז אָבער איז שוין דעמאָלט געווען אַלץ איינס וואָס זי וועט טאָן. מיר זענען געווען מיד, אויסגעשעפּט פון די כוחות, אַזוי צעבראָכן, אַז יעדע האָט שוין דעמאָלט ביי זיך אַליין באַשטימט: וואָס עס וועט זיין זאָל זיין. די בלאָק־עלטסטע פלעגט אונדז באַפאַלן און מוראדיק שלאָגן, אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. די וואָס האָבן באַשלאָסן מער נישט צו גיין צו דער קאַטאָרזשנער אַרבעט, האָבן זיך נישט געבראָכן, געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, אַז די בלאָק־עלטסטע האָט די האָלץ־קאָמאַנדע קאָמפּלעטירט מיט אַנדערע מענטשן און אונדז האָט זי געשיקט צו אַן אַנדער אַרבעט, צום גראָבן גריבער.

אויף אַן אַרומגעצוימטן פּלאַץ האָבן מיר געדאַרפט גראָבן גריבער לויט אַ באַשטימטער מאָס די לענג, ברייט און טיף: 150 קוואַדראַטמעטער אַ גרוב, אַנדערטהאַלבן מעטער די טיף. מער ווי איין טאָג בין איך מיט מיין שוועסטער נישט געווען ביי אָט דער אַרבעט. צומאָרגנס אין דער פרי, נאָכן אַפּעל, זענען מיר אַרויס פון דער ריי און אַוועק. דאָס מאָל האָבן מיר זיך עטלעכע שעה אויסבאַהאַלטן אין איינעם פון די קיך־בלאָקן. צופעליק האָב איך דאָרט אָנגעטראָפן אויף דריי באַ־

קאַנטע מיידלעך מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט צוזאַמען אין אַ שטיקעריי אין לאָדזשער געטאָ. דאָס זענען געווען די דריי שוועסטער: ליובע, רעגינע (דעם דריטן נאָמען געדענק איך נישט) גליקליך. טאַקע זיי צו פאַרדאַנקען האָבן מיר זיך דאָרט געקענט אויסבאַהאַלטן די פּאָר שעה, ביז מיר האָבן געקענט צוריקגיין אין אונדזער בלאָק אַריין. די בלאָקעלטסטע האָט אונדז באַגעגנט מיט אַ גרויס געשריי און זידלעריי און דערקלערט, אַז זי וועט אונדז איבערשיקן אויף אַן אַנדער בלאָק, זי וויל אונדז מער נישט האַלטן, זי וויל האָבן נאָר אַזעלכע, וואָס זענען וויליק צו אַרבעטן און צומאָרגנס האָט זי אונדז טאַקע אַוועקגעשיקט אין אַ צווייטן בלאָק, וואו איך מיט מיין שוועסטער זענען אָפּגעווען אַן ערך פיר וואָכן און געאַרבעט ביי פאַרשידענע אַרבעטן. אויסבאַהאַלטן זיך האָט מען שוין דאָ נישט געקענט. מיט שטעקנס האָט מען געטריבן צו דער אַרבעט יעדן איינעם אָן אויסנאַם — קראַנקע, געשוואָלענע, האַלבע מתים. אָבער דאָ, אינם דאָזיקן בלאָק, האָבן מיר דערלעבט די שעה פון באַפרייאונג.

די באַפרייאונג איז געקומען דעם 15־טן אַפּריל 1945.

אין משך פון דער צייט, וואָס מיר זענען געווען אין דעם בלאָק, האָט מען אונדז שוין אינגאַנצן קיין ברויט נישט געגעבן. מיר האָבן זיך דערנערט מיט שטינקענדיקע קילע־ריבן אויסגעקאָכטע אין וואַסער. אין אונדזער בלאָק איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס. אין די באַראַקן אויף דער ערד, אויף די נאַרעס, זענען געלעגן פאַרשמאַכטע פון היץ קראַנקע, האַלב־טויטע מענטשן, צעפּרעסענע פון לייז און פאַרברענטע פון היץ. מענטשן האָבן פון שוואַכקייט זיך נישט געקענט רירן פון די ערטער און געמאַכט אונטער זיך. אין לאַגער איז שוין דעמאָלט געווען אַ גרויסער כאַאָס. די קלאָזעטן, ווי די בלאָקן גופא, זענען שוין מער נישט גערייניקט געוואָרן. די גאַנצע דיסציפּלין איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן אַזוי, אַז די בלאָק־עלטסטע האָבן זיך שוין מער נישט געקענט קיין עצה געבן מיט די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין זייער רשות. די צאָל קראַנקע איז איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה און צוזאַמען דערמיט איז געשטיגן די צאָל טויטע יעדן טאָג. אָט האָסטו גערעדט מיט אַ מענטש און עטלעכע מינוט שפּעטער

האָט דער מענטש שוין נישט געלעבט. אויסגעגאַנגען. מען איז געלעגן צווישן טויטע, געגעסן און געשלאָפן נעבן זיי. מען האָט זיך באַמיט די טויטע אַרויסצוטראָגן הינטער דער טיר און עס האָבן זיך דאָרט אויפגעזאַמלט בערג מיט טויטע. מיטאַמאָל האָט זיך דאָס וואַסער אין לאַגער אויך אָפּגעשטעלט. אין גאַנצן לאַגער האָט זיך געפונען איין פּלומפּ, וועלכע האָט נאָך געאַרבעט. אָבער דאָרט איז געשטאַנען אַ וואַך, וואָס האָט קיינעם, אַ חוץ מענטשן פון דער קיך, נישט צוגעלאָזט. מענטשן קראַנקע, מיט גרויסער היץ, האָבן זיך צוגעשלעפּט צו דער פּלומפּ כדי צו קריגן אַ ביסל וואַסער די טרוקענע ליפּן צו באַנעצן. מען האָט אָבער די דאָזיקע קראַנקע ברוטאַל אָפּגעשטויסן. אין לאַגער האָבן זיך געפונען עטלעכע געמויערטע גריבער אָנגעפּולטע מיט וואַסער אויפן פאַל פון אַ שרפה, דאָס וואַסער איז געווען שמוציק און פאַרשטונקען, האָבן מענטשן גענוצט דאָס דאָזיקע וואַסער. פון איין זייט האָבן מענטשן דאָרט געוואַשן זייערע שמוציקע וועש און פון דער אַנדערער זייט זענען דאָרט מענטשן געשטאַנען און פון דאָרט געשעפּט וואַסער צום טרינקען.

איך אַליין בין געווען קראַנק, אויסגעמאָגערט — הויט און ביין. געהאַט הויכע פיבער און אויפן לייב — בלויע פלעקן. איך בין געלעגן אויף דער נאַרע מאַט און אָן ווילן. נעבן מיר איז געלעגן מיין שוועסטער. דריי פרויען זענען מיר געלעגן אויף איין נאַרע. דאָס איז שוין געווען ברהבות, וואָרום פריער איז אויסגעקומען צו ליגן פיר און פינף אויף איין נאַרע און די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין נאַרעס האָבן געמוזט ליגן אויף דער גאָלער ערד. איצט איז שוין אויף די נאַרעס, קאָן מען זאָגן, געווען גענוג פּלאַץ. יעדנפאַלס מער ווי פריער. אונטער דער צייט זענען זייער פיל מענטשן אויסגעשטאָרבן, קיין נייע מענטשן זענען שוין מער נישט צוגעקומען אַזוי, אַז עס איז געווען מער אָרט פאַר די לעבן־געבליבענע.

אַז די באַפרייאונג איז שוין גאָר נאָענט — דאָס האָב איך נישט געוואוסט. קיינער האָט עס נישט געוואוסט. ביז אַ טאָג פאַר דער באַפרייאונג זענען נאָך פאָרגעקומען די אַפּעלן. צו די אַפּעלן האָבן מיר זיך אויך באַמיט אַרויסצושלעפּן די קראַנקע. שווער־קראַנקע האָט מען

ארויסגעטראָגן אויפן פּלאַץ און זיי אוועקגעזעצט אויף בענק. אין די לעצטע טעג פאַר דער באַפרייאונג איז שוין די בלאָק־עלטסטע געווען א ביסל מענטשלעכער אין איר באַציאונג צו אונדז. קענטיק, אַז זי האָט שוין יאָ עפּעס געוואוסט, אָדער ארויסגעפילט ווי עס האַלט. זי האָט דע־ריבער דערלויבט די שווער־קראַנקע צו זיצן בעתן אַפּעל, אָבער קיין גוטס איז די דאָזיקע מענטשן דערפון נישט ארויסגעקומען. ווער עס האָט ביים אַפּעל נישט געקענט שטיין אויף די אייגענע פיס, ווער עס האָט זיך געפונען אויף דער באַנק, דעם האָט מען נאָכן אַפּעל אַוועקגע־פירט אין אַ ספּעציעלן באַראַק, וואו מען האָט די שווער־קראַנקע אינ־גאַנצן געלאָזט אָן שום אויפזיכט. געלאָזט זיי ליגן ביז זיי וועלן אויס־שטאַרבן. זייער ווייניק פון די דאָזיקע מענטשן האָבן איבערגעהאַלטן, ארויס לעבעדיק און דערלעבט די באַפרייאונג. מענטשן האָבן דעריבער מיט די לעצטע כוחות זיך באַמיט ביים אַפּעל צום שטיין אויף די איי־גענע פיס, כדי אויסצומיידן פאַרשיקט צו ווערן אין דאָזיקן באַראַק אריין, וואָס איז געווען גלייך צו אַ טויט־אורטייל.

איין טאָג פאַר דער באַפרייאונג האָט מען שוין קיין אַפּעלן נישט געמאַכט. קיינער אין לאַגער האָט נאָך גאָרנישט געוואוסט. עס איז קיי־נעם אפילו נישט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז עס איז עפּעס געשען אַן ענדערונג. מען איז בלויז געווען צופרידן פון דעם פאַקט אַליין, אַז מען לאָזט אונדז צו רו, מען שלעפּט אונדז נישט צום אַפּעל, מען לאָזט אונדז רואיק ליגן.

צומאָרגנס, אין טאָג פון דער באַפרייאונג, שוין פון באַלד אין דער פרי, האָט מען אין לאַגער מער קיין דייטשן נישט געזען. איבערן לאַגער האָבן זיך ארומגעדרייט אונגאַרן מיט ווייסע אָרעם־בענדער און באַ־וואָפנט. דער פאַקט, אַז מ'זעט נישט מער קיין דייטשן אין לאַגער, האָט שוין געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. מען האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז עס איז עפּעס געשען. די ידיעה, אַז די דייטשן זענען אין לאַגער נישטאָ האָט זיך גיך פאַרשפּרייט צווישן אַלעמען. אָבער קיין באַזונ־דערן איינדרוק האָט דאָס נישט געמאַכט אויף קיינעם. עס האָט גע־הערשט אַ פולשטענדיקע אַפּאַטיע. אָבער אַרום צוויי אַזייגער בייטאָג איז מען אריינגעקומען אין בלאָק און אָנגעזאָגט די בשורה, אַז עס קו־

מען אן טאנקען, ענגלישע טאנקען. דאס האט שוין געמאכט א שטארקן איינדרוק. קראנקע, חרובע מענטשן האבן זיך מיט אלע כוחות ארויסגעשלעפט פון די באראקן אויפן הויף ארויס, כדי מיט די אייגענע אויגן צו זען די ענגלישע טאנקען, צו זען די באפרייאונג.

א געוויין איז אויסגעבראכן צווישן אלע לאגער־מענטשן, א געוויין פון פרייד. געווען אבער א סך, וואס האבן אינגאנצן נישט פארשטאנען, וואס עס איז געשען און אינגאנצן נישט רעאגירט. אזוי אפגעטעמפט און אפגעשוואכט זענען מענטשן געווען.

איך אליין האב זיך קוים ארויסגעשלעפט אויפן הויף. מיין שוועסטער איז געבליבן ליגן אויף דער נארע. איך האב געזען די ענגלישע טאנקען. זיי זענען געווען באלאגערט פון מענטשן. אויף די טאנקען זענען געשטאנען ענגלישע זעלנער און האבן צו אונדז געפאכעט מיט די הענט. איך האב נישט געוואוסט, וואס מיט מיר טוט זיך. איך בין צוריק אריין אין באראק אנזאגן מיין שוועסטער וואס אין דרויסן טוט זיך, אז איך האב אליין געזען די ענגלישע טאנקען, ענגלישע זעלנער. און אליין צו זיך האב איך גערעדט, זיך געפרעגט: איז עס טאקע אמת, אז מיר זענען פריי, איז עס נישט קיין חלום? עס האט זיך מיר עפעס נישט געגלויבט.

די ענגלישע טאנקען זענען שפעטער אפגעפארן און די ערשטע צוויי טעג זענען מיר געבליבן אין לאגער אליין. אין משך פון די האזיקע צוויי טעג האבן נאך ווייטער געבאלעבאטעוועט די אונגארן מיט די ווייסע ארעם־בענדער. אבער אלץ איז שוין געווען הפקר. די ארבעט אין די קיכן האט זיך אפגעשטעלט, עס האבן זיך אפגעשטעלט די ארבעטן אין די ביוראס און ווארשטאטן. מענטשן האבן זיך געווארפן אויף די דראט־פארצוימונגען און זיי צעשניטן, אדורכגעריסן זיך צו די שפייז־מאגאזינען, כדי צו כאפן עפעס צו עסן. ארויס פון לאגער איז קיינער נישט, כאטש מען האט דאס געקענט. וואו זאל מען גיין? מען האט דאך געוואוסט, אז מען געפינט זיך אין טיף דייטשלאנד און וואס אין דרויסן טוט זיך האט קיינער נישט געוואוסט. איבעריקנס — ניינציק פראצענט מענטשן האבן זיך נישט געקענט רירן, געווען אפגעשוואכט און קראנק.

אויפן אנדערן טאג האבן מיר שוין געזען אין לאגער מענטשן איבערגעטאן אין אנדערע קליידער, ריינערע און בעסערע, וואס מען האט ארויסגענומען פון די מאגאזינען. מענטשן האבן אויך אנגעהויבן זיך ארומטראגן מיט שפייז, וואס מען האט זיך גענומען פון די מאגא־זינען. איך האב באשלאסן ארויסצוגיין עפעס נעמען פאר זיך און מיין שוועסטער. איבערן פלאץ זענען מענטשן ארומגעלאפן ווי באנו־מענע און געשלעפט מיט זיך וואס נאר מען האט געקענט: שפייז, מלבושים. דער פלאץ איז געווען פארווארפן מיט טויטע, איבער וועלכע מען איז געגאנגען. עס האט זיך קיינער נישט אומגעקוקט, יעדער איז געווען פארנומען מיט זיך אליין. די געזונטע מענער און פרויען האבן זיך איינגעארדנט געצעלטן אויפן פלאץ, דארט געמאכט געלעגערס און נעבן די געצעלטן אנגעלייגט פייערן און אוועקגעשטעלט פארשידענע מעטאלענע כלים, כדי אפצוקאכן עפעס א געקעכץ. עס האט אויסגעזען ווי א גרויסער ציגיינער־לאגער. הונדערטער אזעלכע אנגעלייגטע פיי־ערן זענען געווען אויפן פעלד, געברענט און געריכערט.

דריי טעג האט עס אזוי געדויערט, ביז עס איז געקומען די פאק־טישע באפרייאונג. דעם 18־טן אפריל 1945 איז אין לאגער געקומען אן אפטיילונג פון ענגלישן רויטן קרייץ. מען האט אנגעהויבן צו קאכן אין די קיכן און שפעט ביינאכט האבן מיר געקראגן די ערשטע געקאכטע שפייז פון רויטן קרייץ. דאס איז געווען א געדיכטע שפייז פון רייז, זייער פעט געקאכט. צומארגנס האט מען אונדז שוין געגעבן אויך הייסע און זייער זיסע מילך, קאנסערווירטע שפייז, דער עיקר פלייש און געקאכטע פעטע זופן.

צו אונדז אין באראק זענען אריינגעקומען עטלעכע מיליטער־לייט אין גומענע מלבושים, אין מאסקעס, און אין גומענע הענטשקעס אויף די הענט. מען האט אלע מענטשן אויף די נארעס און ארום אונדז אי־בערן גאנצן בלאק פולווערייזירט מיט עפעס א פודער, פון וועלכן דאס גאנצע אומפלייט, די וואנצן און לייז אויף אונדז און ארום אונדז, זענען מאמענטאל אפגעטויט געווארן. מיר זענען ענדלעך אויסגעלייזט געווארן פון די ווערים, וואס האבן אונדז געפרעסן לעבעדיקערהייט. דאקטוירים זענען ארומגעגאנגען איבער די באראקן, זיך אויסגעפרעגט,

פאַרשריבן און צוגעטיילט פאַרשידענע רפואות. מיט עטלעכע טעג שפּע־טער האָט זיך אין לאַגער אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן בויך־טיפוס און דעזינטעריע.

אונטער דער צייט האָט מען באַוויזן אויסצורייניקן איינעם פון די באַראַקן, וועלכן מען פאַרוואַנדלט אין אַן אַמבולאַנס, וואוהין מען האָט אַוועקגענומען די שווער־קראַנקע, די, וואָס האָבן געקראָגן גרויסע היץ. אויך מיך האָט מען אַוועקגענומען. מען האָט מיך אויסגעטאָן נאַקעט, איינגעהילט אין אַ דעק און אויף אַ טראָג־בעטל אַוועקגעפירט אין אַמבו־לאַנס. מען האָט די קראַנקע גוט אָרומגעוואַשן, איבערגעטאָן אַנדערע קליידער און אַזוי געלאָזט ליגן אויף די טראָג־בעטלעך, ביז מען האָט פאַר אונדז פאַרטיק געמאַכט נאָרעס מיט ווייכע געלעגערס פאַר יעדן. אַרום אונדז זענען אַרומגעגאַנגען סאַניטאַרן, וואָס האָבן אונדז צוגע־היטן, געגעבן פאַרשידענע רפואות און שטאַרקונגס־מיטלען.

די ערשטע נאַכט אין אַמבולאַנס האָב איך געהאַט גרויסע היץ. איך האָב נישט געוואוסט וואָס אַרום מיר טוט זיך. צומאָרגנס האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, געפילט זיך בעסער און געבעטן עסן. דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב אין דער נאַכט דורכגעמאַכט אַ קריזיס פון בויך־טיפוס. איך האָב זיך וואָס ווייטער אַלץ בעסער אָנגעהויבן פילן. איינמאָל אין דער פרי איז צו מיר געקומען מיין שוועסטער און מיר געזאָגט, אַז זי האָט פאַר מיר אַ פריילעכע בשׂורה. באַלד דערנאָך האָט זי צו מיר אַריינגעפירט מיין יונגערן ברודער, מענדל, און אַ קוזין, אברהם בידערמאַן. עטלעכע קילאָמעטער פון אונדזער לאַגער איז געווען אַ מענער־לאַגער, וואו מיין ברודער מיטן קוזין האָבן זיך געפונען. מען האָט זיי דאָרט אַהין געבראַכט אַ וואָך פאַר דער באַפרייאונג. נאָך דער באַפרייאונג זענען זיי אַוועק אין די פרויען־לאַגערס און זיך נאָכגע־פרעגט אויף מיר און מיין שוועסטער. זיי זענען געגאַנגען פון בלאָק צו בלאָק און זיך געפרעגט, צי עס וויים נישט ווער עפּעס וועגן די צוויי שוועסטער בליצבלוי. אין איינעם פון די בלאָקן האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ פרוי, וואָס איז געקומען מיט אונדז צוזאַמען פון מילהויזען קיין בערגען־בעלזען און זי האָט אָנגעוויזן אין וועלכן בלאָק עס געפינט זיך

מיין שוועסטער. אזוי האָבן זיי זיך אָפּגעזוכט און געקומען צוזאַמען צו מיר אין שפּיטאָל אַריין.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז מיין ברודער ווידער געקומען צו מיר און מיטגעטיילט, אַז מען שיקט אים מיטן קוזין, ווי בכלל אַלע מענער פון זייער בלאָק, אַוועק אויף אַן אַנדער אָרט, קיין צעלע, ביי האַנאָווער, אַן ערך דרייסיק קילאָמעטער פון בערגען־בעלזען. ער האָט מיר וועגן דעם מיטגעטיילט, כדי צו וויסן וואו אים צו זוכן. דערנאָך איז אויך געקומען מיין שוועסטער און מיר מיטגעטיילט, אַז אויך זי פאָרט אַוועק ערגעץ אַנדערש. אַלע געזונטע מענטשן פון לאַגער פירט מען אַוועק. איך האָב זיך נישט געוואָלט שיידן מיט מיין שוועסטער און באַשלאָסן מיט איר מיטצופאָרן. איך האָב געהייסן ברענגען עפּעס אָנצוטאָן און נישט וואַרטנדיק אויפן דאָקטאָר, בין איך אַרויס פון אַמבולאַנס און צוזאַמען מיט מיין שוועסטער געפאָרן אין אַ לאַגער עטלעכע קילאָמעטער ווייטער פון דעם אָרט, וואו מיר זענען ביז איצט געווען.

אין דעם נייעם לאַגער זענען געווען געמויערטע הייזער, מיט פּרעכטיקע צימערן. דאָרט איז אַמאָל געווען אַ לאַגער פון דער היטלער־יוגנט און נישט וויט פון דאָרט — איינער פון די פּאַלאַצן, וואָס האָט געהערט צו גערינגן. די צימערן זענען געווען ציכטיקע און אויסמעבלירטע. מען האָט אונדז איינגעאָרדנט זייער באַקוועם. אין מיין צימער, אַ גרויס צימער, האָט מען איינגעאָרדנט זעקס פרויען.

מיט דער צייט האָט מען אַלע מענטשן אַרויסגענומען פון די פריערדיקע ערטער אין בערגען־בעלזענער לאַגער און איבערגעפירט אין בעסערע און באַקוועמערע ערטער. דעם אַלטן לאַגער האָט מען אונטערגעצונדן און פאַרברענט. עס איז דערפון געבליבן נישט מער ווי אַ באַרג אַש, צעבראָכענע און איבערגעברענטע דראָטן, אַ קוימען פון דער קרעמאַטאָריע און פינף מאַסן־קברים, אין וועלכע עס רוען די ביינער פון דריי טויזנט מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען פון פריער אין לאַגער, אָדער זענען געשטאָרבן שוין נאָך דער באַפרייאונג, נאָכדעם ווי די ענגלענדער זענען אָנגעקומען קיין בערגען־בעלזען.

מאַריאַ רוזשאַ קאַמסלער

# די יידישע פּאָליציי אין פּלאַשאָווער לאַגער

אין מערץ 1941 האָט מען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון קראָקע איינגעשלאָסן אין געטאָ. זיבן חדשים — פון מערץ ביז אָקטאָבער 1941 — האָט מיין משפחה באַוויזן זיך אויפצוהאַלטן אין אַ דאָרף אויסערן געטאָ. דערנאָך, אַז עס איז אַרויס אַ פאַרבאָט פאַר יידן צו לעבן מחוץ דער געטאָ האָבן מיר זיך אַריינגעצויגן צוריק קיין קראָקע. דאָרט האָבן מיר געלעבט די גאַנצע צייט, ביז דער אַרויסשיקונג. מיינע עלטערן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן שוין ביי דער ערשטער אויסזידלונג, אין יוני 1942. מיך האָט מען אַרויסגעשיקט שפּעטער — אין יאַנואַר 1943.

די ערשטע אויסזידלונג האָט אַרומגענומען אַלע יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום באַשעפטיקונג אין אַ וועלכער עס איז דייטשער פאַבריק. ס. ס.-לייט האָבן אַרומגערינגלט די געטאָ און דורכגעפירט אַ קאָנטראָל פון אַלע „קען-קאַרטן”. ווער עס האָט געהאַט אַ באַשייניקונג, אַז ער אַרבעט ערגעץ, דער האָט באַקומען אַ שטעמפּל אויף דער קאַרטע. ווער עס האָט אַזאַ באַשייניקונג נישט געהאַט, דער איז אויפן אָרט פאַרהאַלטן און אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן זאַמלפּלאַץ. מיינע עלטערן האָבן תחילת אויסגעמיטן די געפאַר אַרויסגעשיקט צו ווערן, אָבער דער קאָנטינגענט מענטשן וואָס די דייטשן האָבן געדאַרפט צושטעלן צום אַרויסשיקן איז, ווייזט אויס, נישט געווען פאַרפולט. מען האָט דעריבער

דערנאָך באַלאַגערט גאַנצע גאַסן, אָפּגעשלאָסן זיי און דורכגעפירט הויז־רעוויזיעס. טאַקע בעת אַזאַ הויז־רעוויזיע האָט מען צוגענומען מיינע עלטערן. וואוהין מען האָט זיי פאַרשיקט, וואָס מיט זיי איז געוואָרן, וואו זיי זענען אַהינגעקומען — דאָס ווייס איך נישט ביזן היינטיקן טאָג.

די צווייטע אויסזידלונג איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1942. דעמאָלט האָט מען שוין אויך אַרויסגעשיקט די רעשטן פון מיין נאָענטסטער משפּחה, וואָס האָט געלעבט אין געטאָ, און איך בין געבליבן פולשטענדיק אַליין.

איך האָב געאַרבעט אין דער „פעלדצייגדינסטשטעלע” — וואַרשטאַטן וואו מען האָט פאַרריכט געווער: ביקסן, רעוואָלווערן און אפילו האַרמאַטן. אַ געוויסע צייט האָב איך געאַרבעט אין דער אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אויספּרובירן דאָס פאַרראַכטענע געווער — ביקסן און רעוואָלווערן — צי זיי פונקציאָנירן גוט, צי דער שאָס איז אַ גוטער, פּינקטלעך אין ציל. שפּעטער האָב איך געאַרבעט ביים רייניקן דאָס פאַרראַכטענע געווער. די דייטשן האָבן נאָך דעמאָלט געצאָלט שכירות פאַר אַרבעט, אָבער די שכירות איז געווען זייער אַ נישטיקע. אַ וואָך שכירות האָט געניגט קוים אויף 1־2 טעג באַשיידן לעבן. איך האָב זיך אַרויסגעהאָלפן דערמיט, וואָס איך האָב צו ביסלעך אויספאַרקויפט די זאַכן, וואָס זענען פאַרבליבן אין אונדזער היים, נאָכדעם ווי מיינע עלטערן זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן.

אויפן שטח פון קראָקעווער געטאָ איז געווען טעטיק אַ געהיימע יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. ווען די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז אַנטשטאַנען, דאָס ווייס איך נישט. די אַנטשטייאונג אירע האָט יעדנפאַלס געמוזט זיין אין רעזולטאַט נישט בלויז פון די פאַרפאָלגונגען, וואָס מען האָט געהאַט אויסצושטיין אין געטאָ גופא, נאָר אויך, מסתמא, פון דער פאַרשטאַרקטער איבערצייגונג, אַז די ידיעות, וואָס האָבן זיך שוין פון לאַנג געהאַט פאַרשפּרייט אין געטאָ, אַז מען פאַרשיקט יידן צום פאַרניכטן, אַז עס זענען פאַראַן ספּעציעלע טויטן־לאַגערס — ידיעות, אין וועלכע מען האָט תחילת נישט געגלויבט — זענען אמתע, אַז עס איז

נישטאָ מער וואָס צו פאַרלירן און מען דאַרף זיך אָרגאַניזירן צום קאַמף קעגן די דייטשן.

איך אַליין האָב אויך געהערט צו דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. איך בין דאָרט אַריינגעצויגן געוואָרן דורך אַ מיידל, אַדאַ איז געווען איר נאָמען (דעם פאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט) מיט וועלכער איך האָב געאַרבעט צוזאַמען און מיט דער צייט זיך באַפריינדעט. אַדאַ האָט געאַרבעט ביי גאָרטן־אַרבעט אין דער פאַבריק. איך האָב געאַרבעט בשכנות פון גאָרטן, אויפן שיס־פעלד, וואו מען האָט אויספּרובירט דאָס געווער. יעדן טאָג, מיטאָג־צייט, פלעגן מיר זיך טרעפן. איינמאָל האָט זי מיר פאָרגעלייגט, אַז איך זאָל, נישט ווייט פון גאָרטן, אויף אַן אָפּגעערדט אָרט, אַפּלייגן יעדן טאָג צו ביסלעך קוילן און זי וועט עס שוין שפּעטער פון דאָרט אַוועקנעמען. ווי זי האָט מיר דערקלערט, ווערן די קוילן אַריינגעפירט טיילווייז אין געטאָ פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און טיילווייז — פאַר דער פּוילישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויסערן געטאָ.

דאָס גנבענען קוילן האָט אָנגעהאַלטן אַן ערך דריי חדשים, אַזוי לאַנג ווי איך האָב געאַרבעט אין דער אָפּטיילונג פון אויספּרובירן דאָס געווער. שפּעטער, אַז איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן גופא, ביים רייניקן דאָס געווער, האָב איך געגנבעט און אַרויסגעפירט טיילן פון געווער: שפּרינגפעדערס און טיילן אין וועלכע עס געפינט זיך דער שטיפט, וואָס שלאָגט אָן אין דער קויל, כדי זי זאָל אויסשיסן. אויך די דאָזיקע טיילן האָב איך באַזאָרגט צו אַדאַן. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז איך בין פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגער אַריין.

אין געטאָ האָב איך געהאַט אַ גאַנצע ריי באַקאַנטע יונגעלייט מיט וועלכע איך בין געווען באַפריינדעט. אויך זיי האָבן געהערט צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, נאָר איך האָב וועגן דעם נישט געוואוסט. געוואָר געוואָרן בין איך ערשט דאַן, ווען די גרופּע איז „פאַרשיט" געוואָרן, ווען מען האָט אַלע אַרעסטירט און דערשאָסן. מען האָט וועגן דעם פאַל אַ סך גערעדט אין געטאָ. צווישן דער גרופּע האָט זיך געזאָלט געפינען איינער, וואָס האָט פאַרראַטן. מען האָט אפילו אָנגערופן זיין נאָמען: מיעטעק. דעם פאַמיליע־נאָמען זיינעם געדענק איך נישט.

אין יאַנואַר 1943 האָט מען אַלע, וואָס האָבן געאַרבעט אין די פאַבריקן פאַר די דייטשן, פאַראָרדנט אַריבערצוציען זיך אין די באַראַקן קיין פלאַשאָוו, אַ פאָרשטאָט פון קראָקע. דאָרט וואוינענדיק און פון דאָרט יעדן טאָג גיין צו דער אַרבעט. די באַראַקן האָבן זיך געפונען אויפן שטח פון יידישן בית־עולם אין פלאַשאָוו. דאָס בית־עולם איז צו דעם צוועק אויסגעגליכן געוואָרן מיט דער ערד אַזוי, אַז עס איז דערנאָך נישט געווען צו דערקענען, אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ בית־עולם.

פלאַשאָוו איז געווען אַן אַרבעטס־לאַגער. דאָרט האָבן זיך געפונען אַן ערך טויזנט מענטשן — מענער און פרויען — אַלע פון קראָקע. אָנגעפירט מיטן דאָזיקן לאַגער האָט די יידישע פאָליציי. שעף פון לאַגער איז געווען דער ס. ס.־מאַן, אַמאָן געט, וועלכן מען האָט נאָך דער מלחמה געכאַפט און אויפגעהאָנגען. אַ טייל פון די מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין פלאַשאָווער לאַגער האָבן געאַרבעט אויפן אָרט, ביים בויען באַראַקן און ביי פאַרשידענע קאַנאַליזאַציע־אַרבעטן. צווישן די דאָזיקע מענטשן זענען אָפט געווען טויט־פאַלן. דער שעף פון לאַגער, אַמאָן געט, פלעגט יעדן טאָג, בעת דער אינספּעקציע, אונטער פאַרשידענע פּרעטעקסטן דערשיסן עטלעכע מענטשן.

אין מערץ 1943 האָט מען ליקווידירט די געטאָ אין קראָקע און זייער אַ סך מענטשן פון געטאָ זענען געבראַכט געוואָרן קיין פלאַשאָוו. געווען זענען עס דורכאויס אַרבעטס־מענטשן. אַנדערע האָט מען, ווי איך האָב געהערט, אין געטאָ גופא ליקווידירט, אָדער פאַרשיקט אין די טויטן־לאַגערס.

אין אַפּריל 1943 האָט מען טיילווייז ליקווידירט די אַרבעט אין די געווער־וואַרשטאַטן, וואו איך האָב געאַרבעט די גאַנצע צייט. אויך איך בין געווען צווישן די, וואָס האָבן פאַרלוירן די אַרבעט. איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון פלאַשאָוו. דאָס וועגן פולשטענדיק איינגעשלאָסן אין לאַגער האָט געווירקט דערויף, אַז איך זאָל זיך דעצידירן צו אַנטלויפן, וואָרום אַזוי לאַנג ווי איך האָב געאַרבעט, האָב איך געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט, דאָס לעבן איז אַזוי אַרום געווען דערטרעגלעכער און עס האָט זיך נישט געוואָלט ריזיקירן אַזאַ זאַך ווי אַנטלויפן, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר.

איצט האָב איך זיך דערויף דעצידירט. געהאַט האָב איך אַ באַקאַנטע קריסטין, ווישניעווסקאַ, וועלכע האָט געאַרבעט מיט מיר צוזאַמען אין דער פאַבריק. זי האָט מיר איינמאָל געזאָגט, אויב איך וועל וועלן ווען עס איז אַנטלויפן, וועט זי מיר העלפן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער ארישער זייט. דעם זעלבן טאָג, ווען מיר זענען דאָס לעצטע מאָל געגאַנגען צוריק פון פאַבריק קיין פּלאַשאָוו, בין איך אַרויס פון מיין גרופּע און זיך באַהאַלטן אין אַ טויער. אָבער דאָס האָט באַמערקט איינער פון דער יידישער פּאָליציי, וועלכער איז צוגעלאָפן צו מיר און מיך אויפגעפאָדערט צוריק זיך אָנצושליסן אין דער גרופּע, ווייל ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן מענטש, וואָס וועט פעלן און ער קען פאַר מיין אַנטלויפן באַצאָלן מיט זיין קאָפּ. איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה און בין צוריק צו דער גרופּע. עס איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז אויב איך וועל עס נישט טאָן מיט גוטן, וועט ער מיך נעמען מיט צוואַנג און אפשר אויך מעלדן דעם דייטשן זעלנער. מען וואָלט מיך דעמאָלט דערשאָסן, אָדער אויפגעהאָנגען.

צומאָרגנס בין איך צוגעטיילט געוואָרן צו דער אַרבעט ביי די באַראַקן, וועגן און קאַנאַליזאַציע. איך האָב געאַרבעט אין אַ גרופּע, וואָס האָט אויסגעפּאַרטיקט עפּעס אַ וועג. דער שעף פון לאַגער, אַמאָן געט, האָט פאַראָרדנט, אַז דער וועג דאַרף זיין פאַרטיק אין משך פון אַ באַשטימטן טערמין. היות דער באַפעל איז נישט אויסגעפירט געוואָרן, די אַרבעט איז ביי אַלע אָנשטרענגונגען נישט פאַרטיק געווען צו דער צייט, האָט געט באַשטראָפט אונדזער גרופּע מיט שמיץ. מען האָט אונדז אַלע אויסגעשטעלט אין אַ ריי און געט איז פאַר אונדז פאַרבייגעגאַנגען און אָפּגעקליבן קרבנות צום שמייסן. פאַר אונדז האָט מען אוועקגעשטעלט עטלעכע טישן, אויף וועלכע מען האָט געשמיסן. מענער האָבן געדאַרפט אַראָפּלאָזן די הויזן, פרויען — די אונטער־וועש און אויפן גאָלן לייב האָט מען געשמיסן. די שמייסער זענען געווען אָקראַינער און געשמיסן האָט מען מיט רייט־בייטשן. דערביי האָט דער געשמיסענער אַליין געדאַרפט ציילן די שמיץ. די מינדסטע צאָל שמיץ איז געווען פופציק. נאָך דער עקזעקוציע האָט מען געמוזט אַליין צוריקברענגען אין אָרדנונג די מלבושים און צעבלוטיקטע, מיט צעהאַקטע

לייבער, צוריק זיך אוועקשטעלן אין דער ריי. די פארחלשטע ביים שמייסן פלעגט מען מינטערן מיט קאלטע עמערס וואסער, וואס מען האט געגאסן אויפן צעשמיסענעם לייב.

מיט עטלעכע טעג שפעטער האט מען מיך באשטימט פאר א „קאפא" פון א גרופע פון 28 פרויען. די דאזיקע גרופע האט זיך פארנומען מיט טראגן עמערס וואסער אונטערצוגיסן א מאשין, וואס פרעסט איין שטיינער אויף א געפלאסטערטן וועג. לאנג איז מיר נישט אויסגעקומען צו ארבעטן מיט דער דאזיקער גרופע. מיט א וואך שפעטער בין איך קראנק געווארן, געלעגן אין שפיטאל און דערנאך אפילו באקומען דריי טעג פריי, כדי זיך אפצורוען איידער איך גיי ווידער צו דער ארבעט. אויפן דריטן טאג האט מיך א יידישער פאליציאנט געזען, ווי איך דריי זיך ארום איבערן לאגער און טו גארנישט. ער האט מיך גענומען אין לאקאל פון דער יידישער פאליציי, כדי דארט צוצורוימען. ביים רוימען איז אנגעקומען דער פירער פון דער יידישער פאליציי, ווילהעלם כילאוויטש, א ייד פון קראקע. ער האט געהאט א גרויסע מאכט איבער די מענטשן פון לאגער. ער האט געקענט מענטשן פארשיקן צום טויט, צום פארברענען, אדער אין לאגער גופא צוטיילן צו אזא ארבעט, ביי וועלכער מען האט זיך גיך אויסגעענדיקט.

ווילהעלם כילאוויטש, אדער „ווילעק", ווי מען האט אים גערופן, האט געשטאמט פון דער קראקעווער אונטערוועלט. ער איז געווען א ברוטאלער און ריקזיכטלאזער מענטש. די מענטשן אין לאגער האבן פאר אים מורא געהאט און אים געהאסט. אז מען האט געבראכט מענטשן פון קראקעווער געטא אין לאגער אריין, האט מען זיי קודם־כל בארויבט, צוגענומען אלץ וואס איינער האט געהאט מיט זיך פון חפצים אדער געלט. די דאזיקע רויב־אקציע האט דורכגעפירט די יידישע פאליציי אונטער דער אנפירונג פון כילאוויטשן. ער האט דערביי געמאכט א גרויס פארמעגן, ווייער א סך פון רויב צוגענומען פאר זיך. געווען איז ער אין א קאנטאקט מיטן דייטשן שעף, אמאן געט, און בשותפות געמאכט פארשידענע פינצטערע געשעפטן.

כילאוויטש פלעגט ארומגיין איבערן לאגער מיט א רייט־ביימש אין דער האנט און ברוטאל שלאגן יעדן איינעם פאר דער מינדסטער

קלייניקייט. אָבער זיין סוף איז אויך געווען אַ פינצטערער — אַמאָן געט אַליין האָט אים שפּעטער דערשאָסן. כילאָוויטש האָט מיר דער־מאָלט, ביי דער אַרבעט אין פּאָליציי־לאָקאַל, געזאָגט, אַז אויב מען וועט צופרידן זיין פון מיין אַרבעט, וועל איך קענען דאָ כסדר אַרבעטן. פאַר מיר האָט דאָ געאַרבעט אַן אַנדערע, וועלכע איז אָוועקגעשיקט גע־וואָרן אין אַן אַנדערן אַרבעטס־לאַגער אין דער געגנט פון זאַבלאָטשע, נעבן קראָקע.

אין לאָקאַל פון דער יידישער פּאָליציי האָב איך געאַרבעט אַן ערך אַ האַלב יאָר. געוואוסט האָב איך, אַז כילאָוויטש זוכט אויך גוטע געלעגנ־הייטן צו פאַרקערן מיט פרויען פון לאַגער. אַן אויסוואַל האָט ער געהאַט אַ גענוג גרויסן. אויפן באָדן פון זיינע באַציאונגען מיט פרויען האָט ער געהאַט אויסצושטיין בלעריי איפערזוכטס־סצענעס פון זיין ווייב, מאַרישאַ, וועלכע איז געווען מיט אים צוזאַמען און האָט אויך געדינט אין דער יידישער פּאָליציי. אויך זי איז געווען אין זייער גוטע באַצי־אונגען מיט אַמאָן געטן און האָט געקענט אַ סך אומגליקן ברענגען אויף מענטשן. געווען טאַקע פאַלן, ווען זי האָט זיך נוקם געווען אַן פרויען, וואָס זענען געווען אין נאָענטע באַציאונגען מיט איר מאַן. זי האָט נישט איינע פון דעם מין פרויען געלאָזט אָוועקשיקן אין די טויטן־לאַגערס. שוין דעריבער אַליין איז געווען אַ גרויסע געפאַר צו האָבן אַ וועלכן עס איז קאָנטאַקט מיט כילאָוויטשן.

אַרבעטנדיק אין לאָקאַל פון דער יידישער פּאָליציי, האָב איך זיך באַמיט נישט צו געבן כילאָוויטשן, אָדער זיינע מיטאַרבעטער, קיין גע־לעגנהייט צו מיר זיך צו דערנענטערן. אַ געוויסע פאַרלייכטערונג פאַר מיר איז אין דער הינזיכט געווען דאָס, וואָס כילאָוויטש און זיין ווייב האָבן מיך געקענט פון די צייטן פון געטאָ אין קראָקע. די כילאָוויטשעס האָבן אַ געוויסע צייט געוואוינט מיט אונדז אין איין הויז. כילאָוויטש האָט דעריבער מיך אַ ביסל געשוינט. איך האָב אויך געהאַט אַ גוט מזל ביי כילאָוויטשעס ווייב, וועלכע האָט מיך באַזונדערס גוט באַהאַנדלט.

וועגן כילאָוויטשן זענען אין לאַגער פאַרפאַסט געוואָרן פאַרשידענע סאַטירישע לידלעך. נישט אַלע און נישט אַלץ געדענק איך. עטלעכע פראַגמענטן זענען פאַרבליבן אין זכרון. די לידלעך האָט פאַרפאַסט אַ

מיידל, וואס איר נאמען געדענק איך שוין ניט. זי איז דערפאר דורך ביאלאוויטשן באשטראפט געווארן, געקראגן עטלעכע טעג בונקער (קארצער). די דאזיקע לידלעך זענען אין לאגער געווען זייער פאפולער. דער גאנצער לאגער האט זיי געקענט און ביי פארשידענע געלעגנהייטן געזונגען. דאס דאזיקע מיידל האט אירע לידלעך געשריבן אין פויליש. געווען אויך איינער, וואס האט געשריבן סאטירישע לידלעך אויף יידיש. עטלעכע ווערטער פון אזא לידל זענען פארבליבן אין זכרון. דאס לידל איז נוגע דעם יידישן פאליציי־אפיציר אין לאגער, קערנער:

„מאיר קערנער דער באנדיט,
ער ווייס נישט וואס ער טוט.

— — — — — — — — — — —

מארגן וועט ער ליגן אויפן גוטן ארט".

איבערזעצונג פון די פוילישע לידלעך:

אויפן בארג שטייט א לאגער,
פול מיט מענטשן דארט,
און מיט דעם לאגער באלעבאטעוועט
הער ביאלאוויטש אליין.

ביאלאוויטש, הערשער „ווילעק",
האט היינט זארג אזוי פיל,
דער לאגער זאל אנגיין מיט א סדר
פון סוף ביזן אנהויב.

אז זיין אייגן ווייבל
זאל אויבעט זיין צופרידן,
אז א וועלכע נישט איז ה...
זאל זי נישט מאכן ווינטשיז.

און מיט עפעס א געהיימען טריק
נישט שלאפן מיטן פארוואלטער.

— — — — — — — — — — —

מאַרישע די פּאַרוואַלטערין,
די היטערין פון צניעות,
ערלעך און צום בעסטן
היט זי אָפּ איר מאַן.

— — — — — — — — — —

פּאַרוואָס זעסטו אויס שלעכט?
ווייל דו ט... זיך אַרום אין די ווינקעלעך,
און טאָמער פּעלט דיר עפּעס
כאַפּסטו זיך צו אָט דעם ספּאָרט.

— — — — — — — — — — —

איינמאָל האָט מען מיך צום „אָ. ד.״ גערופן (אָ. ד. — אָרדנונגס־דינסט).
און פינפאונצוואַנציק אויפן ת... געהייסן געבן,
און היות איך קען אייך גוט,
וועל איך אייך עפּעס דערציילן.

וועגן קובוש דעטעקטיוו
און זיין שיינע נקבה,
וואָרום ער לאָזט אונדז נישט שלאָפן,
רופט אונדז כסדר צו אַרבעט.

ער רופט אונדז כסדר צו אַרבעט
און פאַר יעדער האָט ער אַ צוזאָג,
איינער קלעפּלט ער אונטער, אַן אַנדער,
זעצט זיך, בימע, אַ שאַד די רייד.

דעריבער זענען דאָ אַלע מיידלעך,
שוואַרצע, צי בלאָנדע,
אַלע מיט אים גוט באַקאַנט,
ווייל ער לאָזט אונדז נישט שלאָפן.

אין דער יידישער פאליציי האבן זיך געפונען א סך ברוטאלע מענטשן, סאדיסטן. באזונדערס האבן זיך אויסגעטיילט אין דער הינזיכט צוויי אפיצירן: קערנער און פינקעלשטיין. קערנער האט ליב געהאט צו שלאגן און דאס — מיט דער רייט־בייטש. דאס באליבטסטע ארט וואו ער פלעגט צילן מיט די קלעפ זענען געווען די אויגן. איך האב געזען, ווי מען האט אין דער פאליציי געשמיסן אויפן נאקעטן לייב צוויי יינגלעך דערפאר, ווייל זיי האבן גענבעט עטלעכע קארטאפל. זייערע געשרייען זענען געווען מוראדיקע, וואס מער זיי האבן געשריגן — אלץ העפטיקער האט מען געשלאגן.

א באזונדער קאפיטל איז דאס אלגעמיינע סעקסועלע לעבן אין לאגער בכלל. אין גרונט גענומען איז דאס באגעגענען זיך צווישן מענער און פרויען געווען פארבאטן. מענער מיט פרויען האבן זיך געקענט באגעגענען נאר אונטערן פרייען הימל אין באשטימטע צייטן פון טאג. קומען איינער צום אנדערן אין די באראקן אריין האט מען נישט געטארט. אבער דער אינסטינקט האט גובר געווען אלע געפארן. מענער זענען געקומען צו פרויען און פרויען זענען געקומען צו מענער. מען פלעגט אפילו גאנץ אפט פארבלייבן איינער ביים אנדערן איבער נאכט און אין דער אנוועזנהייט פון אנדערע מענטשן — מענער אדער פרויען — אן בושה האבן סעקסועלע באציאונגען. די אויפזיכט האט געהאט די פאליציי, אבער מען האט מיט איר, אין דער הינזיכט, געקענט דורכקומען. זי האט אויף די זאכן געקוקט דורך די פינגער. צו דער דייטשער מאכט זענען די זאכן קיינמאל נישט דערגאנגען. אין דעם פאל זענען קיין מוסרים נישט געווען.

א סך פרויען האבן מיט דער יידישער פאליציי גופא פרייוויליקע אנגעהאלטן סעקסועלע באציאונגען. מען האט דערפאר גענאסן פון פארשידענע פריווילעגיעס. אזא פאליציאנט האט תמיד דער פרוי זיינער עפעס געגעבן, באצאלט מיט שפייז אדער אנטועכץ.

געווען א סך פאלן פון אבארטן אין לאגער־שפיטאל. אז א פרוי איז פארגאנגען אין טראגן האט מען איר אין שפיטאל אפגעטריבן דאס קינד. דאס האט געמוזט געמאכט ווערן בסוד סודות, ווארום קיין סעקסועלן פארקער האבן יידן נישט געטארט האבן, א יידישע פרוי האט

נישט געטאָרט פאַרגיין אין טראָגן, דאָס האָט געדראָט מיט טויט. אָבער אין לאַגער־שפּיטאָל איז געווען אַ יידישער דאָקטאָר, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן שפּיטאָל. ער האָט אין אַזעלכע פאַלן זייער אַ סך אַרויסגעהאָלפן.

נאָך אַן ערך זעקס חדשים אַרבעטן אין דער יידישער פּאָליציי אַלס רוימערקע, האָט מען מיך איבערגעשיקט צו אַן אַנדער אַרבעט. דאָס אַ יזגעווען דעמאָלט, ווען מען האָט אַ סך מענטשן פון לאַגער אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט קיין סקאַרזשיסקא און פּיאָנקי.

אין סקאַרזשיסקא איז געווען אַ כעמישע פאַבריק. מענטשן זענען ביי דער אַרבעט גיך אַוועק פון דער וועלט, קראַנק געוואָרן פון די גאַזן און פאַרשידענע כעמיקאַליען ביי וועלכע מען האָט געאַרבעט. מענטשן זענען דאָרט פון דער אַרבעט געל געוואָרן, געקראָגן שווינדזוכט אָדער אַן אַנדער קרענק און געשטאָרבן. אין פּיאָנקי איז געווען אַ פאַבריק פון ספּירט. מיך האָט מען נישט אַוועקגעשיקט, נאָר צוגעטיילט צו דער קיך־דינערשאַפט, צום שיילן קאַרטאָפל. ביי דער אַרבעט בין איך געווען ביז אָנהויב יאַנואַר 1944. אַ שווערע אַרבעט געווען. איך האָב געהאַט אַ נאָרמע פון פיר גרויסע עמערס קאַרטאָפל אָפּצושיילן יעדן טאָג און די קאַרטאָפל זענען געווען זייער קליינטשיקע, פאַרפוילטע און פאַרבלאָטיקטע. עס איז אויסגעקומען צו אַרבעטן ביז זייער שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דערפאַר האָב איך דאָ געהאַט אַ שאַנס אויך. איך האָב געקענט גנבענען קאַרטאָפל נישט נאָר פאַר מיין אייגן געברויך, נאָר אויך צום פאַרקויפן אַנדערע און אָפּצונעמען דערפאַר געלט אָדער ברויט.

אין יאַנואַר 1944 בין איך צוגעטיילט געוואָרן צו די שניידערווערשטאַטן פון לאַגער. מען האָט אויספאַרריכט מיליטערישע מונדירן. דאָ זענען קיין שום שאַנסן פאַר „לינקע" פאַרדינסטלעך נישט געווען. געאַרבעט האָט מען דאָ דעם גאַנצן מעת־לעת אין צוויי שיכטן, צו צוועלף שעה. יעדע שיכט האָט געאַרבעט צוויי וואָכן ביי טאָג און צוויי וואָכן ביינאַכט. דאָ איז אויך קיין רו־טאָג נישט געווען, מען האָט אויך געאַרבעט זונטאָג. די אַרבעט גופא איז נישט געווען קיין שווערע, שווער זענען געווען די באַדינגונגען. עס האָט פאַרמאַטערט די 12 שעה אַר־

בעט און דאָס פעלן פון אַ רו־טאָג. דערצו איז שוין דעמאָלט אין לאַגער בכלל געווען שווערער. דער לאַגער איז שוין דעמאָלט געווען אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן פון דער דרויסנדיקער וועלט און אפילו פאַר געלט און חפצים האָט מען שוין כמעט גאָרנישט געקענט קריגן צו קויפן.

אין אַפּריל 1944 בין איך אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַגער. מען האָט מיך געבראַכט קיין קראָקע, וואו מען האָט מיך אָפּגעשיקט אַרבעטן אין דער מעטאַל־פאַבריק „דויטשע עמאַיל־ווערקע" אויף זאַבלאָטשע. אין דער פאַבריק האָט מען אויסגעאַרבעט עמאַלירטע טעפּלעך און — ציינדערס צו גראַנאַטן.

צו פאַרענדיקן מיטן קאַפּיטל פון פּלאַשאָווער לאַגער וויל איך נאָך איבערגעבן עטלעכע פּרטים, וואָס זענען נוגע דעם אַלגעמיינעם מצב אין לאַגער. איך אַליין האָב געהערט צו אַ קליינער גרופּע אויסנאַמען. עס האָט מיר אָפּגעגליקט, למשל, דאָס וואָס איך האָב אַ לענגערע צייט געאַרבעט אין לאָקאַל פון דער יידישער פּאָליציי און אַזוי אַרום אויסגעמיטן פאַרשידענע געפאַרן אין לאַגער גופא. זייער אַ סך אַנדערע — דער רוב אפשר — האָט אַזוי גליקלעך נישט געשפּילט. פאַלן פון דערשיסן מענטשן אָן אַ פאַרוואָס זענען אין לאַגער געווען אַ טעגלעכע דערשיינונג. איינעם האָט מען דערשאָסן דערפאַר, ווייל מען האָט ביי אים געפונען פינף גילדן. אַ יידיש יינגל האָט מען דערשאָסן, ווייל ער האָט געפייפט עפּעס אַ רוסיש לידל. דאָס דאָזיקע יינגל האָט געהייסן טויבענשטאָק, דאַכט זיך אַ קראָקעווער. געווען אַן אָפּטיילונג, וואָס האָט אין לאַגער געאַרבעט ביים טראָגן ציגל און ברעטער. ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָבן די ס.ס.־לייט זיך אָפט געשפּילט מיט אונטערשיסן מענטשן ביים טראָגן די ציגל און ברעטער.

אויך אין שניידער־וואַרשטאַט, וואו איך האָב געאַרבעט, זענען געווען פאַלן פון דערשיסן מענטשן ביים אַרבעטס־טיש. דאָס פלעגט געשען בעיקר ביינאַכט. דער דייטשער אויפזעער פלעגט זיך פאַרגנבענען צום פענסטער פון וואַרשטאַט כדי צו זען צי מען אַרבעט. עס פלעגט טרעפן, אַז אַן אַרבעטער פלעגט פון מידקייט און דערשעפּטקייט איינדרימלען ביי דער אַרבעט. פלעגט מען אַזאַ איינעם כאַפּן דערביי ווי

ער שלאָפט, האָט ער גלייך געקראָגן אַ קויל אין קאָפּ אַריין. די אַרבע־טער פֿלעגן איינער דעם אַנדערן היטן, אַכטונג געבן מען זאָל נישט איינשלאָפן. עס איז אָבער אוממעגלעך געווען צו דערהיטן. מענטשן האָבן געאַרבעט כמעט ווי אין שלאָף, אַזוי מיד און פֿאַרמאַטערט איז מען געווען.

אַן אויסערגעוויינלעכע געשיכטע איז אין אונדזער לאַגער געשען מיט אַ יידיש מיידל, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אינטימע באַציאונגען מיט איינעם פֿון די ס.ס.־לייט. דער דאָזיקער ס.ס.־מאַן איז געווען פֿאַרליבט אין דעם מיידל. אַ לענגערע צייט איז דאָס געווען אַ גרויסער סוד. קיי־נער האָט וועגן דעם נישט געוואוסט. איז אָבער געשען אַן אומגליק מיט דעם מיידל, זי האָט זיך צעבראָכן אַ האַנט. דער ס.ס.־מאַן האָט ביי דעם אומגליקס־פֿאַל אַרויסגעוויזן צופֿיל אויפֿמערקזאַמקייט דעם מיידל. עס איז געוואָרן אויפֿפֿאַלנדיק דאָס, וואָס ער אינטערעסירט זיך אַזוי שטאַרק מיט איר גורל. מען האָט נאָכגעפֿאָרשט דעם ענין און אַנט־דעקט די גאַנצע געשיכטע. לויט אַ פֿאַראָרדנונג פֿון דער דייטשער מאַכט האָט דער דאָזיקער ס.ס.־מאַן אַליין דערשאָסן דאָס מיידל צוזאַ־מען מיט איר ברודער, וועלכער איז מיט איר געווען אין לאַגער.

אין דער פֿאַבריק אויף זאַבלאָטשע האָב איך געאַרבעט ביז סוף אויגוסט 1944. עס האָבן דאָ געאַרבעט אַן ערך טויזנט יידן. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, אָבער די לעבנס־באַדינגונגען זענען גראָד נישט געווען קיין שלעכטע, די באַהאַנדלונג איז געווען אַ דערטרעגלעכע. בראש פֿון דעם אַרבעטס־לאַגער איז געשטאַנען אַן ס.ס.־מאַן. זיינע גע־הילפֿן זענען געווען ציווילע דייטשן און יידישע פּאָליציי. די פֿינף חדשים, וואָס איך האָב דאָרט פֿאַרבראַכט, זענען יעדנפֿאַלס אַדורך פֿאַר־העלטנישמעסיק רואיק. אַרום אויגוסט 1944 איז געקומען אַ באַפֿעל צו ליקווידירן דעם אַרבעטס־לאַגער. מען האָט אים עוואַקואירט ווייטער אויף מערב. אונדז אַלע האָט מען צוריקגעשיקט קיין פּלאַשאָוו. אָנגע־קומען זענען מיר גראָד בעת אַן אויסזידלונג. מען האָט אויך פּלאַשאָוו עוואַקואירט און פֿאַרשיקט די מענטשן אין פֿאַרשידענע אַנדערע לאַ־גערן אין דייטשלאַנד — בוכענוואַלד און אַנדערע. אין משך פֿון עטלעכע

טעג זענען כמעט אַלע פון לאַגער אַרויסגעשיקט געוואָרן. עס איז פאַרבליבן אַ קליינע גרופּע מענטשן, דאָס רוב פרויען. אויך איך בין דערווייל דאָ פאַרבליבן. פון צוואַנציק טויזנט מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם לאַגער, זענען פאַרבליבן בלויז עטלעכע הונדערט. אונדזער גרופּע איז דאָ פאַרבליבן ביז אָקטאָבער 1944.

אונטער דער צייט האָט זיך אין פּלאַשאָוו זייער אַ סך געענדערט. קיין יידישע פּאָליציי איז שוין נישט געווען. אויך די יידישע פּאָליציאַנטן זענען כמעט אַלע אַוועקגעשיקט געוואָרן און די וואָס זענען פאַרבליבן האָבן שוין קיין שום ראָלע נישט געשפּילט אין לאַגער. זייער אָרט האָבן פאַרנומען ניי־געקומענע דייטשע קאַפּאָ־מענער — ציווילע דייטשן. אפילו כילאָוויטש, דער געוועזענער פירער פון דער יידישער פּאָליציי און אַמאָן געטס ערשטער משרת, האָט שוין קיין שום ראָלע נישט געשפּילט מער. און שפּעטער מיט עטלעכע וואָכן האָט מען אינגאַנצן געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן — אַמאָן געט האָט אים אַליין דערשאָסן. זעקס מענטשן פון כילאָוויטשעס נאָענטסטע האָט ער דעמאָלט דערשאָסן: כילאָוויטשן, זיין ווייב מאַרישע, כילאָוויטשעס געהילף — דעם פּאָליציי־אָפיציר פינקעלשטיין און נאָך דריי פון כילאָוויטשעס קרובים, וואָס זענען געווען אין לאַגער—די משפּחה פערבער פון קראָקע. געהייסן האָט עס, אַז זיי זענען דערשאָסן געוואָרן פאַר פאַרשידענע פאַרברעכנס. אַלע 6 דערשאָסענע האָט מען אויסגעלייגט אין מיטן וועג פון לאַגער, נעבן די דערשאָסענע האָט מען אַוועקגעלייגט אַ גרויסע אויפשריפט אין דייטש און אין פּויליש: „דערשאָסן פאַר וועלן אַנטלויפן, פאַר באַזיצן געווער, געלט און חפצים” און נאָכן אַפּעל האָט מען אונדז אַלעמען, אין געשלאָסענע רייען, פאַרבייגעפירט דעם אָרט, וואו די דערשאָסענע זענען געלעגן, כדי אונדז צו ווייזן וואָס מיט זיי איז געשען. אין לאַגער האָט מען געדיכט גערעדט וועגן דעם, אַז אַמאָן געט האָט כילאָוויטשן מיט זיין משפּחה דערשאָסן דערפאַר, ווייל זיי זענען אים שוין נישט געווען נויטיק און געוואָלט פון זיי פּטור ווערן צוליב דעם, ווייל זיי האָבן צופיל סודות געוואוסט וועגן אַמאָן געטס פינסטערע געשעפטן אין לאַגער.

ביי דער זעלבער צייט האָט מען אין לאַגער אויפגעהאַנגען פינף יידישע יונגעלייט, וועלכע מען האָט געבראַכט פון וויעליטשקע. זיי האָבן געאַרבעט אין די וויעליטשקער זאַלץ־גרובן. בעת מען האָט דעם לאַגער דאָרט ליקווידירט, האָבן זיך די יונגעלייט געפּרואווט אויסבאַהאַלטן. מען האָט זיי געכאַפּט, געבראַכט קיין פּלאַשאָוו און אויפגעהאַנגען. אין דער פרי האָבן מיר געזען, ווי מען שטעלט אויף אַ תליה אויפן פּלאַץ. מען ווייסט עס, היינט הענגען. וועמען הענגען, וויפיל — דאָס האָט קיינער נישט געקענט וויסן. נאָך דער עקזעקוציע, ביי־נאַכט נאָכן אַפּעל, פאַרן שלאָפן גיין, האָט מען אונדז אַלעמען, אין געשלאָסענע רייען, פאַרביי־געפירט די תליה און מען האָט אונדז געוויזן די פינף הענגענדיקע יונגעלייט.

איך בין געווען צוגעטיילט צו אַן אַרבעט אין דער דעזינפעקציע־אָפּטיילונג פון לאַגער. איך האָב אַנטוואַנצט באַראַקן, דעזינפיצירט מלבושים, וועש און קאָלדרעס. איך האָב געהאַט נאָך אַ מלאכה: אין אַ גלעזערנער כלי אויפצוקלייבן פּעטע לעבעדיקע וואַנצן, וואָס מען האָט געזאַמלט, כדי דורכצופירן איבער זיי פאַרשידענע עקספּערימענטן וועגן דער ווידערשטאַנדס־קראַפט פון וואַנצן קעגן פאַרשידענע מינים גאַז. ביי דער דאָזיקער אַרבעט אין דער דעזינפעקציע־אָפּטיילונג האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרדינען אַביסל געלט. איך האָב געהאַט אַ צוטריט צו פאַרשידענע זאַכן, מלבושים, וועש און בעטציייג, איך האָב געקענט גנבענען. איך האָב נאָר געדאַרפט האָבן עמיצן די זאַכן אָפּצושטעקן, כדי אַרויסצופירן פון לאַגער צום פאַרקויפן. דערין האָט מיר טאַקע געהאָלפן אַ קראָקעווער מיידל, רוטקע פילער, מיט וועלכער איך האָב זיך באַקענט אין לאַגער און זיך מיט איר באַפריינדעט. רוטקע פילער האָט געאַרבעט מיט אַ גרופּע, וועלכע פלעגט יעדן טאָג טאַקע אַרויסגיין פון לאַגער אַרבעטן ערגעץ הינטער דער שטאָט און יעדעס מאָל האָט זי מיט זיך מיטגענומען אַביסל זאַכן צום פאַרקויפן. מיטן פאַרדינסט האָבן מיר זיך ביידע געטיילט. פאַר די פאַרקויפטע זאַכן האָבן מיר קיין געלט נישט גענומען, נאָר שפּייז: ברויט, פּוטער, ציגאַרעטן און

אַנדערע זאַכן. עס האָט זיך מיר אין דער צייט גאָר נישט געגלייבט. געהאַט וואָס צו עסן.

אין אָקטאָבער האָט מען אַ באַדייטנדיקן טייל פון די עטלעכע הונדערט מענטשן אין פּלאַשאָוו אַרויסגעשיקט. פּלוצלונג, אין מיטן נאַכט, האָט מען דורכגעפירט אַן אַפּעל, בעת וועלכן מען האָט פון אַ ליסטע אַרויסגעלייענט אַ גאַנצע ריי נעמען, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען מיין נאָמען. באַלד נאָכן אַפּעל האָט מען אונדז אָפּגעשיקט צו דער באַן, פאַרלאָדעוועט אין וואַגאָנעס און אָפּגעפאָרן. געפאָרן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט. מיט אַ ליאַרעם און געפילדער, ביי אַ ווילד געשריי פון ס.ס.־מענער האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן פון די וואַגאָנעס. וואוהין מיר פאָרן דאָס האָט קיינער נישט געוואוסט די גאַנצע צייט. ערשט ביים אויסשטייגן האָבן מיר דערזען פאַר זיך אַ שילדל מיט דער אויפשריפט: אוישוויץ. וואָס אוישוויץ באַדייט — דאָס האָבן מיר שוין פון פריער נאָך געוואוסט, געהערט וועגן דעם אין די פריערדיקע לאַגערן.

אויסגעשטיגן זענען מיר נישט אויף דער אמתער באַן־סטאַציע, נאָר אין לאַגער גופא, צו וועלכן עס איז געווען צוגעפירט אַ באַן־ליניע. דאָס ערשטע, וואָס מען האָט מיט אונדז געטאָן איז געווען — פירן אין באָד אַריין. געווען איז דאָס ביינאַכט, פינסטער, מען האָט בלויז געזען די דראָט־פאַרצוימונגען אַרום און די פאַרפינסטערטע געביידעס. אָבער מיר האָבן דערפילט אַ משונהדיקן ריח, זייער נישט קיין אָנגענעמען ריח, אַ ריח פון אָנגעברענטס. די לופט אַרום איז געווען דורכגעזאַפּט מיט דעם עסנדיקן רויך און ריח פון אָנגעברענטס. אַריינגעפירט האָט מען אונדז אין אַ גרויסער האַלע פון אַ געמויערטער געביידע. דער זאַל איז אָנגעפּאַקט געוואָרן מיט פרויען. געווען ענג, היים און שטיקנדיק. דאָ זענען מיר געווען די גאַנצע נאַכט. קיינער איז צו אונדז נישט געקומען, און קיינער פון אונדז האָט נישט געוואוסט וואָס מען וועט מיט אונדז ווייטער טאָן. אין ביטערניש האָבן זיך מענטשן געוויצלט: מען וועט אונדז אויסבאָדן, אויף דערנאָך ריינע אָפּשיקן אין די גאַז־קאַמערן. זיי

איז אריבער די נאַכט. מיר זענען דאָ אַזוי געזעסן דעם גאַנצן טאָג און נאָך אַ נאַכט.

פאַרטאָג האָט זיך געעפנט די טיר און עס זענען צו אונדז אַרײַנגעקומען עטלעכע ס.ס.־מענער. געהייסן מיר זאָלן זיך אויסטאָן נאַקעט און אײַנשטעלן זיך אין אַ ריי. אַז מיר זענען שוין געשטאַנען נאַקעטע אין דער ריי, איז אַרײַנגעקומען דער דאָקטאָר מיט עטלעכע ס.ס.־מענער. יעדע פרוי האָט געמוזט פאַר זײַ פאַרבײַגיין און יעדע פון אונדז איז באַטראַכט געוואָרן פון קאָפּ ביז די פיס. אַלטע, שלעכט געבויטע פרויען, פעלערהאַפטע אָדער מיט דער מינדסטער אומציכטיקייט אויפן לײַב זענען פאַרהאַלטן געוואָרן, פאַרבליבן אין זאַל. אַלע אַנדערע האָט מען דורכגעלאָזט. אויך איך בין געווען צווישן די, וואָס דער דאָקטאָר האָט דורכגעלאָזט אין אַנדערן צימער. דאָרט ווידער האָט מען אונדז געשוירן די האָר, אָפּגעשוירן ביז די וואָרצלען, און זייער גרינטלעך באַזייטיקט די האָר פון אַלע אַנדערע טיילן קערפּער אַ חוץ דעם קאָפּ. די דאָזיקע אַרבעט האָבן אויסגעפירט אונגאַרישע און טשעכישע ייִדישע פרויען. די דאָזיקע פרויען האָבן זיך בײַ דער אַרבעט אויסגעפירט זייער ברוטאַל, געשלאָגן און געשטויסן בײַ דער מינדעסטער באַוועגונג. זיי האָבן אויך נישט צו פאָרזיכטיק געאַרבעט מיט די גאָל־מאַשינקעס בײַם באַזייטיקן די האָר פון די דיסקרעטע קערפּער־טיילן. אַ סך פרויען זענען פון דעם „פריזיר־אַנשטאַלט” אַרויס צעבלוטיקטע. דאַן האָט מען אונדז אַרײַנגעפירט אין באָד אַרײַן. מען האָט אויף אונדז אַראָפּגעלאָזט אַ שטראָם קאַלטע וואַסער און נאָך עטלעכע מינוט האָט מען אונדז נאַסע, אויסגעווייקטע, צעפּיבערטע פון נעץ און קעלט אַרײַנגעפירט אין אַן אַנדער צימער, וואו מען האָט אונדז געגעבן אָנטועכץ. דאָס איז געווען אָנטועכץ ווי אויף אַ מאַסקן־באַל: הויכע פרויען האָבן באַקומען קורצע קליידער, קליינוויקסיקע האָט מען געגעבן זייער לאַנגע קליידער. די קליידער זענען געווען פון זייד, זייער דינע קליידלעך. קיין וועש האָט מען אונדז אינגאַנצן נישט געגעבן און אויף די פיס האָט מען אונדז געגעבן אָנצוטאָן האָלץ־טרעפּעס און אַזוי, נישט אָפּגעווישט, מיט די נאַסע קעפּ, דורכגענעצטע קליידער האָט מען אונדז באַלד דערנאָך אַרויסגעפירט אויפן אָפענעם פעלד. געווען איז דאָס אין מיטן אָקטאָ־

בער און עס איז שוין געווען זייער קאַלט. די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן און מיר זענען אַזוי געשטאַנען אויפן פעלד עטלעכע שעה. דערנאָך איז אָנגעקומען אַן ס.ס.־מאַן, וועלכער האָט אונדז צופוס אַוועקגעפירט אין לאַגער בירקענוי (אוישוויץ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנצן קאָמפּלעקס לאַגערן אויף קילאָמעטערס אין דער לענג און ברייט און בירקענוי האָט געהערט צום אוישוויצער לאַגער־קאָמפּלעקס).

פאַרן לאַגער אין בירקענוי האָט אונדז שוין אָפּגעוואַרט די פירערין פון אַ בלאָק, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר אונדז. די בלאָק־פירערין, אָדער בלאָק־עלטסטע, איז געווען אַן אונגאַרישע יידישע פרוי. זי האָט אונדז איבערגענומען פון ס.ס.־מאַן, אַריינגעפירט אין בלאָק וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שטאַל: פון ביידע זייטן זענען געשטאַנען דריי־גאָרנדיקע נאַרעס און אין דער מיט — דער דורכגאַנג.

פאַרטאָג, זייגער פיר, האָט אונדז אויפגעוועקט אַ מוראדיק געשריי: „קאַפּע האָלען“. מיר האָבן זיך אויפגעריסן פון די געלעגערס, אַראָפּ אויף דער ערד און געגאַנגען נאָך די קאַווע. יעדע פון אונדז האָט געקראָגן אַ טעפּעלע שוואַרצע און ביטערע קאַווע. מיט צוויי שעה שפּעטער האָט מען אונדז אַרויסגעפירט צום אַפּעל. אונטערגעטריבן האָבן אונדז די געהילפן פון דער בלאָק־עלטסטער — אַלץ אונגאַרישע יידישע פרויען. זיי האָבן נישט בלויז געשריגן, נאָר אויך געשלאָגן מיט שטעקנס. דער אַפּעל האָט געדויערט עטלעכע שעה און דערנאָך האָט מען אונדז צוריק אָפּגעשיקט אין די באַראַקן. אַ וואָך צייט זענען מיר אָפּגעקומען מיט בלויזע אַפּעלן צוויי מאָל אין טאָג צו עטלעכע שעה. נאָך אַ וואָך איז אין אונדזער בלאָק געקומען אַן ס.ס.־מאַן און דורכגעפירט אַן אָפּקלויב פון אַ גרופּע פרויען. די וואָס האָבן געהאַט אַ גוטן אויסזען האָט ער אויסגעקליבן, אַנדערע האָט ער פאַרבראַקירט. איך מיט רוטקע פּילער האָבן זיך געפונען צווישן די, וואָס דער דייטש האָט אויסגעקליבן און מיר זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדער בלאָק. ביינאַכט האָט מען אונדז געפירט צום טאַטואירן. די דאָזיקע אַרבעט האָבן אויסגעפירט פרויען. אויף דעם הינטערשטן טייל פון דער ערשטער העלפט לינקער האַנט, נאָענט צום געלענק, האָט מען אויסטאַטואירט אַ נומער, מיט אַן אַלפאַבעטישן צייכן. מיין נומער איז — „אַ 26345“. די פרוי־

ערדיקע טאַטואירונגען זענען געווען אָן שום אַלפאַבעטישן צייכן, בלויז אַ נומער. די וואָס מען האָט געבראַכט קיין אוישוויץ אין 1944 האָבן שוין באַקומען צום נומער אויך אַ צייכן „א". שפּעטער האָט מען שוין צום לויף־נומער צוגעגעבן דעם צייכן „ב". מען האָט געזאָגט, אַז יעדע הונדערט טויזנט פון געגעבענעם יאָר (1944) האָט געהאַט אַן אַנדער אַלפאַבעטישן צייכן. אויך די ציפערן האָבן זייער באַזונדערע באַדייטונג. די ערשטע צוויי ציפערן באַדייטן — דער לויף־נומער פון טראַנספּאָרט, די אַנדערע ציפערן באַדייטן די לויפיקע צאָל פון טראַנספּאָרט גופא. אַזוי אַרום באַדייט מיין ציפער: סעריע „א", 26־טער טראַנספּאָרט, 345־טע לויט דער ריי פון געגעבענעם טראַנספּאָרט.

דאָס טאַטואירן איז צוגעגאַנגען זייער גיך. דאָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ סך רוטין און געשיקטקייט. אין משך פון דער נאַכט האָט מען דערלייזדיקט אונדזער גאַנצע גרופּע, וועלכע האָט געציילט 500 פרויען.

צומאָרגנס האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין „פ.ק.ל." (פראַוען קאָנצענטראַציאָנס לאַגער"). דאָ זענען מיר ווידעראַמאָל דורכגעגאַנגען אַ באָד און, אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג. ביי דער אונטערזוכונג זענען זייער אַ סך פרויען פון אונדזער גרופּע פאַרבראַקירט געוואָרן. איך און רוטקע פּילער זענען ווידער גליקלעך אַדורך. דאָס מאָל האָט מען אונדז שוין געגעבן לייטישערע קליידער, וואָל־קליידער, סוועטערס און מאַנטלען. אַוועקגעפירט האָט מען אונדז אין אַ לאַגער עטלעכע קילאָמעטער ווייטער און וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: „אוישוויץ־מונעראַגער". צוויי בלאָקן זענען דאָרט באַשטימט געוואָרן פאַר פרויען. דאָרט האָט מען אונדז איינקוואַרטירט און אויפן אַנדערן טאָג האָט מען אונדז צוגעטיילט צו אַן אַרבעט. איך האָב געהערט צו דער גרופּע „שטראַסען־באַו". עס איז אויסגעקומען צו טראָגן שטיינער, פירן איינראָדיקע וועגעלעך מיט זאַמד און ענלעכע אַרבעטן. דאָ האָב איך געאַרבעט ביז יאַנואַר 1945. אונטער דער צייט איז דאָ כסדר פאָרגעקומען אַ סיסטעמאַטישע ליקווידאַציע פון די אוישוויצער לאַגערן. קיין נייע מענטשן האָט מען שוין אַהער נישט געבראַכט, דאַקעגן זענען יעדן טאָג אַוועקגעגאַנגען טראַנספּאָרטן מיט מענטשן און די צאָל

מענטשן האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ פאַרקלענערט. דעם 18־טן יאַנואַר 1945 איז אונדזער לאַגער ליקווידירט געוואָרן. מיטן אויסנאַם פון קראַנקע און מאַנכע געזונטע מענטשן זענען אַלע אַרויסגעשיקט געוואָרן. געפירט האָט מען אונדז אין דער ריכטונג צו מערב, צו שלעזיע. אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן ריזיקע מיליטערישע טאַבאָרן, מיליטער און אַמוניציע. עס איז געווען קענטיק דער ריקצוג פון דער דייטשער אַרמיי, כאָטש דער אויסזען פון מיליטער איז געווען אַ גוטער, אַ דיסציפּלינירטער.

דריי טעג און דריי נעכט זענען מיר געווען אין וועג. עס זענען געגאַנגען טויזנטער און טויזנטער מענטשן אונטער אַ וואַך פון ס.ס. זייער פיל מענטשן זענען אין וועג דערשאָסן געוואָרן. מען האָט דערשאָסן יעדן איינעם, וואָס איז געבליבן הינטערשטעליק, יעדן וואָס האָט נישט געקאָנט גיין ווייטער, אָדער האָט נישט געקאָנט מיטהאַלטן דעם טריט. דער וועג איז געווען באַלייגט מיט טויטע, דערשאָסענע, פון ביידע זייטן שאָסיי.

אויפן דריטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען אין שלעזישן שטעטל לאַסלאַו. דאָרט האָט מען אונדז פאַרלאָדעוועט אין קוילן־וואַגאָנעס און מיר זענען אָפּגעפאָרן מיט דער באַן. געפאָרן זענען מיר אויך דריי מעת־לעת. די פּרעסט זענען געווען מוראדיקע און זייער פיל מענטשן זענען אין וועג געפרוירן געוואָרן, געשטאָרבן פון קעלט. אויפן דריטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין ראַווענסבריק. איינלאָקירט האָט מען אונדז אין אַ געצעלט אויפן אָפענעם פעלד און געשלאָפן זענען מיר אויף דער גאָלער געפרוירענער ערד. דאָס איז געווען אַ באָדן אויסברוקירט מיט שטיינער, מיט צוגעפרוירענעם שמוץ, וואָס האָט זיך צעגאָסן אונטער דער וואַרעמקייט פון אונדזערע לייבער. אין דעם לאַגער איז געווען אַ קאָמפּלעטער הונגער. מיר האָבן גאָרנישט געקראָגן צו עסן. געווען אַ מוראדיקע אומאָרדנונג, אַ כאַאָס. דאָ האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ סך פרויען, וואָס זענען דאָ געווען שוין פון לאַנג. דאָס זענען שוין נישט געווען קיין מענטשן, נאָר שאָטנס פון מענטשן. אויסגעמאָגערטע, הויט און ביינער, פאַרחושכטע, האָבן די דאָזיקע מענטשן אויסגעזען ווי גייענדיקע סקעלעטן.

אין ראַווענסבריק בין איך געווען דריי וואָכן און, אויך פון דאַנעט האָט מען כסדר אַוועקגעשיקט טראַנספּאָרטן. אין דער דאָזיקער צייט האָבן שוין די דייטשן נישט געדאַרפט קיינעם נעמען צום אַוועקשיקן, מען איז אַליין פרייוויליק געגאַנגען. צו יעדן טראַנספּאָרט האָבן זיך געמאָלדן מאַסן פרייוויליקע, וואָס האָבן זיך אַליין אָנגעבאָטן אַוועקצופאָרן, אַזוי ביטער איז דאָ געווען דאָס לעבן. וואוהין מען שיקט, וואָס עס וועט זיין ווייטער — דאָס האָט קיינעם שוין נישט אינטערעסירט. מענטשן זענען שוין געווען רעזיגנירט, מיד, דערשעפּט אַזוי, אַז יעדן איינעם איז שוין געווען אַלץ איינס, וואָס עס וועט מיט אים געשען שפּעטער, ווייטער, ערגעץ אַנדערש. אַבי אַרויס פון אָט דעם גיהנום־צושטאַנד אין ראַווענסבריק.

מיט איינעם אַזאַ טראַנספּאָרט בין איך אויך אַוועקגעפאָרן. אָפּגעשיקט האָט מען אונדז קיין נייישטאַט־גלעווע. דאָרט איז געווען אַ קליינער לאַגער. עס האָבן זיך דאָרט געפונען אַ סך פרויען געבראַכטע נאָכן וואַרשעווער אויפשטאַנד.

די באַדינגונגען אין דעם לאַגער זענען נישט געווען בעסער ווי אין ראַווענסבריק. געשלאָפן אויף דער ערד, עסן — איין קילאָגראַם ברויט פאַר צען מענטשן. געאַרבעט האָבן מירביים גראָבן שוץ־גריבער קעגן לופט־אָנגריפן. אונדזער לאַגער האָט זיך געפונען אויפן סאַמע פלי־פעלד. טעגלעך פלעגן דאָ פאָרקומען לופט־אָנגריפן און קאַמפן אין דער לופט. דאָ האָבן מיר שוין בולט געזען, וואָס עס טוט זיך אויף די פראָנטן, אַז די לאַגע פון די דייטשן איז אַ שלעכטע, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף. געווען בלויז איצט איין באַגער ביי אַלעמען: איבערהאַלטן נאָך אַביסל צייט און מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן. מיט יעדן טאָג איז דער ווילן צו לעבן, אויסצוהאַלטן, איבערצולעבן און דערלעבן שטאַרקער געוואָרן, דער מוט האָט זיך געהויבן און עס איז לייכטער געוואָרן איבערצוטראָגן דאָס שווערע, דאָס ביטערע לעבן אין דעם לאַגער. דאָ טאַקע, אין נייישטאָט־גלעווע, האָב איך דערלעבט די שעה פון באַפרייאונג. איך בין דאָ געווען ביזן סוף פון דער מלחמה, ביזן 2־טן מאַי 1945, ווען די דייטשן זענען אַוועק און עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אָפּטיילונגען פון אַמעריקאַנישן מיליטער.

דעם 2־טן מאַי אין דער פרי איז נאָך פאַרגעקומען דער נאָרמאַ־לער אַפּעל. אָבער באַלד דערנאָך האָבן מיר באַמערקט אַן ענדערונג אין לאַגער, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכס קומט פאָר: פאַר די מאַגאַזינען זענען צוגעפאָרן לאַסט־אויטאָס און מען האָט אין איילעניש גענומען אַרויסטראָגן און פאַרלאַדעווען אויף די אויטאָס אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געקענט. באַלד זענען מיר אויך געוואָר געוואָרן וועגן אַ באַפעל, וואָס איז אַרויס צו די דייטשע אַרעסטירטע, קרימינעלע פאַרברעכער און פּראָסטיטוטקעס, וואָס האָבן זיך אויך דאָ געפונען, אַז זיי זאָלן זיך צוגרייטן צום אָפּפאָר.

די געשעענישן לויפן בליץ־שנעל. אַ פרוי, וואָס האָט געאַרבעט אין ביוראָ פון לאַגער האָט אונדז צווישן געטאָן, אַז גאָר גיך וועלן מיר זיין פריי. זי האָט וועגן דעם געהערט רעדן צווישן די דייטשן אין זי האָט דערפון קיין שום סוד נישט געמאַכט. אַלץ איז אַ פראַגע פון שעהן, אפשר גאָר פון מינוטן.

פלוצלונג האָבן די דייטשן באַפוילן אַלע לאַגער־מענטשן צו גיין אין די באַראַקן און דאָרט פאַרבלייבן. קיינער טאָר זיך נישט ווייזן אין דרויסן. די לעצטע מינוטן, קריטישע מינוטן. ווער ווייסט וואָס די דייטשן קענען נאָך אָפּטאָן מיטן לאַגער אין דער לעצטער מינוט. אַ סך פון די לאַגער־מענטשן האָבן נישט געפאָלגט דעם באַפעל. נאָך מער: אַ גרופּע פרויען איז באַפאַלן דעם שפּייז־מאַגאַזין, כדי פון דאָרט צו נעמען שפּייז. די דייטשן האָבן געעפנט אַ שיסעריי אויף די פרויען און עטלעכע פרויען זענען דערהרגעט געוואָרן. נאָך דעם געשעעניש זע־נען אַלע אַוועק אין די באַראַקן, געזעסן און געוואַרט. וואָס אין דרויסן קומט פאָר ווייסט קיינער נישט.

תחילת איז פון דרויסן געקומען אַ רעש, אַ געפילדער און מיט אַמאָל איז שטיל געוואָרן, טויט שטיל. די דאָזיקע מאָדנע שטילקייט איז געוואָרן אויפפאַלנדיק. עמיץ האָט געוואַגט און איז אַרויס פון באַראַק אַ קוק טאָן וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. קיינער פון די דייטשן איז שוין אין לאַגער נישט געווען. דער לאַגער־פּלאַץ איז געווען ווי אויסגעשטאָרבן. די וואַך־טורעמס זענען געשטאַנען ליידיק, דאָס טויער

פון לאגער — אויפגעפראלט. עס האט זיך דערהערט א געשריי: מיר זענען פריי! אלע זענען ארויס פון די באראקן.

דאס ערשטע האבן זיך מענטשן געווארפן אויף די שפייז-מאגא־זינען. ווי אויסגעהונגערטע וועלף האט מען געכאפט וואס נאר עס איז געקומען אונטער דער האנט צום עסן. אן אומבאשרייבלעכע פרייד האט אלעמען ארומגענומען. זאגן אז מענטשן האבן געוויינט פון פרייד — אוודאי האט מען געוויינט פון פרייד, וואס מען האט ענדלעך דער־לעבט די שעה פון דער באפרייאונג. אבער וואו נעמט מען ווערטער צו באצייכענען, צו שילדערן די פרייד, וואס האט אלעמען אין לאגער באהערשט אין דער דאזיקער שעה?

אויפן לאגער־פלאץ איז געווען א געלויף פון מענטשן, יעדער פאר זיך האט זיך געגומען גרייטן עפעס עסן, א געקעכטס. מען האט אונטער־געלייגט פייערן ווי די ציגיינער אין פעלד, אויף די פייערן אוועקגע־שטעלט כלים, אין וועלכע מען האט געקאכט עסן. געווען שוין אוונט. שטיל איז געווען ארום אונדז. אפגעגעסן, זענען מיר מידע, אויסגעמא־טערטע אוועק צוריק אין די באראקן, געלייגט זיך שלאפן. פארטאג האבן מיר זיך ארויסגעצויגן פון די באראקן און איבערגעטראגן זיך אין די געביידעס פון די ס.ס. די דאזיקע געביידעס זענען געווען ריין און בא־קוועם. דארט האבן מיר זיך גרופעסווייז איינגעארדנט און דערנאך אין גרופעס ארויס אין שטעטל אריין. קיין שום נייע מאכט האבן מיר נאך נישט געזען, עס איז נאך קיינער פון די אליאירטע ארמייען צו אונדז נישט געקומען. מיר זענען בלויז פטור געווארן פון די דייטשן. קיינער האט נישט געוואוסט ווער אין שטעטל איז דא, וואס דארט וועט געשען, אבער מען איז געגאנגען אויף הפקר, זיך נישט געקענט איינהאלטן. עס האט געטריבן אן אימפעט: ארויס פון לאגער, ארויס צו דער דרויסנדיקער, פרייער וועלט.

ערשט אין שטעטל האבן מיר געזען די ערשטע גרופעס אמעריקא־ניש מיליטער. זיי זענען אבער פארבייגעפארן דאס שטעטל און זיך נישט אפגעשטעלט. דאס שטעטל אליין איז געווען ווי אויסגעשטארבן. זייער א סך דייטשע פאמיליעס זענען אוועק מיט דער ארמיי טיפער אין לאנד אריין און איבערגעלאזט די הייזער און וואוינונגען. פון די

וואָס זענען געבליבן, זענען געווע בלויז אַלטע מענער, פרויען און קינדער. די גאַסן זענען געווען אָפּגערוימט, קיין דייטשן האָט מען אין גאַס נישט געזען, זיי זענען געווען פאַרשטעקט אין זייערע היימען.

אין גרופּעס האָבן זיך די לאַגער־מענטשן — מענער ווי פרויען — אַוועקגעלאָזט מיט אַ רעש איבערן שטעטל. אַ ווילד געפיל פון האַס, נקמה, אַ ווילן צו פאַרניכטן און רויבן האָט אַלעמען באַהערשט. יעדער פון אונדז איז געווען באַוואָפנט מיט העק, האַמערס און באַגנעטן, וואָס מען האָט געפונען אין לאַגער און נאָך מער צעוואָרפן איבערן שטעטל אויף אַלע גאַסן. אין הייזער, וואו קיין מענטשן זענען נישט געווען, האָט מען אויסגעהאַקט די שויבן אין די פענסטער, געבראָכן טירן און אַריין — דורכגענישטערט יעדעס ווינקעלע, צעהאַקט, צעבראָכן מעבל, גלאָזוואַרג. שפּייז און זאַכן פון אַ וועלכן עס איז נוצן, אָדער ווערט, האָט מען צוגענומען. אַזוי האָט מען אויך געטאָן, ווען מען איז געקומען אין אַ דירה, וואו עס זענען געווען מענטשן. קיין שום געפיל פון מיטלייד, קיין שום איינזען האָבן מיר נישט געהאַט פאַר געבעט און געוויין, פאַר פאַרענטפערן זיך און תחנונים. מען האָט די דייטשן באַהאַנדלט אַזוי, ווי מען האָט אונדז באַהאַנדלט — ברוטאַל, גראָב און האַרצלאָז. מען האָט געשטילט דעם צאָרן ביים צעברעכן און פאַרניכטן, ביים שלאָגן און רויבן, ביים אָנבליק פון דייטשע טרערן.

אַריינגעקומען אין אַ הויז, וואו עס זענען געווען דייטשן, איז געווען דער ערשטער באַפעל: „אַלע אויף איינע זייטע שטיין, נישט רירן זיך פון אָרט“. צוזאַמען מיט אונדזערע גרופּעס זענען אויך געגאַנגען רוסישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע זענען אַרויס פון זייער לאַגער נישט ווייט פון שטעטל. די דייטשן האָבן געהאָרכזאַם געפאָלגט אונדזערע באַפעלן, געקוקט אויף אונדז מיט שרעק און שנאה. מיר האָבן זיי פאַרשיט מיט זידל־ווערטער, אָט אַזוי ווי מען האָט צו אונדז גערעדט ערשט מיט אַ טאָג פריער, געשטופּט, געשטויסן, געשלאָגן, אָט אַזוי ווי מען האָט אונדז געפּייניקט מיט אַ טאָג פריער. דיימשקעס האָבן זיך געבעטן מען זאָל אויף זיי רחמנות האָבן, נישט באַרויבן, געטענהט, אַז זיי זענען נעבעך נישט שולדיק, אַז קיינער פון זיי האָט נישט געהערט צו דער נאַצי־פּאַרטיי. אויף איין מאָל זענען זיי אַלע געוואָרן קעגנער

פון היטלערן און זיין רעזשים און שאָקלען זיך אָפּ פון אים. קיינער האָט זיך אויף די טענות און געבעט נישט אומגעקוקט. דורכגעזוכט, דורכגענישטערט אַלע ווינקעלעך, צעשטערט, צעבראָכן, צערויבט עסנ־ווארג, מלבושים, חפצים און געגאַנגען ווייטער.

מיין גרופּע איז באַשטאַנען פון ניין מיידלעך, אַלע פון קליין־פּוילן, בעיקר פון קראָקע און אומגעגנט. באַוואָפנט זענען מיר אַלע געווען. איך האָב געהאַט מיט זיך אַ באַגנעט און אַ האַק. איך האָב אָנגעפירט מיט דער גרופּע. מיר האָבן באַזוכט אַ גאַנצע ריי הייזער, געבראָכן טירן און פענצטער, צעהאַקט מעבל און גענומען, וואָס מען האָט געקענט. קיין ווערטפולע חפצים האָבן מיר כמעט נישט געפונען, ערגעץ וואו געווען פאַרגראָבן, אָדער אַוועקגעפירט. דער עיקר האָבן מיר גענומען עסנווארג. מיר זענען אַראָפּ אין די קעלערס און צוגע־נומען אַלץ, וואָס דאָרט איז געשטאַנען: קאָנסערוון, פלייש, מאַרמאַ־לאַד. אַ ראָוער האָבן מיר צוגענומען אויף איין אָרט, אַ קינדער־וועגעלע אויף אַן אַנדער אָרט און דערויף פאַרלאָדעוועט די גערויבטע זאַכן און זיי דערנאָך אַוועקגעפירט אין לאַגער אַריין.

אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געווען אין שטעטל און פּאָגראָמירט יעדע שטוב. אַ ווילד געפיל פון פאַרניכטונג, פון צעשטערונג האָט אונדז גע־טריבן פון הויז צו הויז. מיר האָבן געאַרבעט מיט די העק אפילו דאָרט, וואו דאָס איז אינגאַנצן נישט נויטיק געווען: אויפגעבראָכן טירן פון שענק, צעהאַקט לאָמפּן, געבראָכן גלאָזוואַרג און איבערגעדרייט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. אין די דאָזיקע שעהן זענען מיר אַלע געווען אינגאַנצן פריי פון יעדן הומאַניטאַרן געפיל, פון מיט־לייד, רחמנות. איין געפיל האָבן מיר געהאַט: רויבן און פאַרניכטן.

אויף איין אָרט האָבן מיר אין אַ בעט געפונען באַהאַלטן אַ לעבל ברויט. אין דער דירה האָט זיך געפונען אַ יונגע דייטשקע מיט אַ קינד. די דייטשקע האָט זיך צעוויינט, געבעטן מען זאָל איר איבערלאָזן דאָס ברויט, ווייל זי האָט נישט קיין שום אַנדערע שפּייז אין שטוב. דאָס איז איר איינציק לעבל ברויט וואָס זי האָט. איינע פון מיין גרופּע מיידלעך האָט איר מיט כעס און פאַראַכטונג אָפּגעענטפערט: פּגר צוזאַמען מיט דיין ממזר.

אויף א סך ערטער האָבן גרופּעס, — דער עיקר מענער־גרופּעס, — נישט נאָר פּאַגראָמירט און גערויבט, נאָר אויך געשלאָגן און געהרגעט. דערשטאָכן און דערשאָסן. מיר אַליין האָבן אָנגעטראָפן אויף דירות פון דייטשן, וואו עס זענען געלעגן דערהרגעטע דייטשן, איינע פון די גרופּעס, וואָס זענען פאַר אונדז געקומען אין דער וואוינונג, האָט אַזאַ דייטש אוועקגעלייגט טויט. געוויינלעך האָבן מיר שוין אין אַזאַ דירה גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן. אַלץ איז שוין געווען אָפּגעטאָן און מיר זענען אוועק ווייטער.

נאָכן פּאָגראָם אין שטעטל זענען מיר מידע אוועק מיטן רויב אין לאַגער אַריין, גוט זיך אָנגעגעסן מיט די גערויבטע שפּייז, גוט און א סך, האָט דער מאָגן ביי פיל נישט אויסגעהאַלטן, נישט געוואוינט געווען שוין פון לאַנג צו אַזעלכע פעטע מאכלים און אַזוי פיל, די מאָגנס זענען געווען אָפּגעשוואַכט און א סך האָבן דאָס עסן צוריקגעגעבן, אויסגעבראָכן, אָבער באַלד דערנאָך ווייטער געגעסן. דאָס הונגער־געפיל האָט כסדר פאַרפאָלגט.

אויפן אַנדערן טאָג זענען מיר ווידער אַרויס אין שטעטל און אין דער אומגעגנט — ווידער צו פּאָגראָם און רויב. איך בין מיט מיין גרופּע מיידלעך אַריין צו א דייטשן לאַנדווירט, וועלכער האָט געהאָדעוועט קרוליקעס. מיר האָבן געוואָלט נעמען עטלעכע פאַר זיך, כדי זיי אין לאַגער צו שעכטן און אָפּקאָכן. דער דייטש האָט זיך קעגנגעשטעלט, גענומען שרייען און פאַרשטעלט אונדז דעם וועג. איך האָב אים דערלאַנגט מיט מיין מעסער אין בויך אַריין, ער איז אומגעפאַלן א צעבלוטיקטער און מיט א געשריי. דאָס ווייב זיינס האָט גענומען שרייען און וויינען. מיר האָבן זיך נישט אומגעקוקט אויף איר געשריי, אַריין אין דער שטייג, גענומען עטלעכע קרוליקעס און אוועקגעגאַנגען ווייטער.

אַזוי האָבן מיר געלעבט עטלעכע טעג א הפקר־לעבן, א לעבן פון נקמה, פאַרניכטונג און רויב. אין משך פון די דאָזיקע טעג איז דורכן שטעטל דורכגעפאָרן א סך אַמעריקאַניש מיליטער און שפּעטער — רוסישע אָפּטיילונגען. אין שטעטל האָט זיך קיינער נישט אָפּגעשטעלט. דאָס שטעטל איז געווען פאַרלאָזן און הפקר. קיין שום מאכט איז נאָך דערווייל דאָרט נישט געווען. בלויז מיר, די לאַגער־מענטשן, האָבן גע־

הערשט דאָרט. אָבער אין דער געגנט אַרום שטעטל האָט שוין סטאַ־ציאָנירט רוסיש מיליטער. מיר זענען אפילו איינמאָל געווען מיט אַ באַזוך אין דער רוסישער פעלד־קאָמענדאַנטור, וואו מען האָט אונדז זייער גוט אויפגענומען. מיר האָבן דאָרט געהאָלפן אויסגראָבן קאַרטאָפל פאַרן מיליטער, געאַרבעט דערביי עטלעכע שעה און דערנאָך באַקומען אַ ריזיקן פּאַק שפּייז: קאָנסערווירט חזיר־פעטס, אַנדערע עסנס און צי־גאַרעטן, אַ פּאַק וועלכן מיר האָבן קוים געקענט דערשלעפּן אַהיים אין לאַגער.

ערשט נאָך אַ וואָך כמעט האָט די רוסישע מיליטערישע מאַכט פּאַקטיש פאַרנומען דאָס שטעטל און אין איינעם פון די הייזער איינ־געאָרדנט די קאָמענדאַנטור. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אונדזער הער־שאַפט איבערן שטעטל, דער פּאָגראָם און רויב אָפּגעשטעלט. די מאַכט האָט אויפגעפאָדערט צו רו און אָרדנונג. פאַר די לאַגער־מענטשן האָט די קאָמענדאַנטור פאַרטיילט יעדן טאָג פאַרשידענע שפּייז, מיר האָבן אָבער כמעט נישט גענומען, ווייל מיר האָבן געהאַט גענוג שפּייז ביי זיך אין לאַגער. פלייש האָבן מיר געהאַט גאָר אַ סך און דווקא גוט פלייש — הינער. מיר האָבן צוגענומען אַלע הינער פון שטעטל און גע־בראַכט אין לאַגער און כמעט יעדן טאָג געגעסן געקאָכטע הינער־פלייש.

וועגן סוף פון דער מלחמה האָבן מיר זיך דערוואוסט דעם 9־טן מאַי. אין דעם טאָג האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן דער קאַפּיטולאַציע פון די דייטשן. הינטערן שטעטל אויף אַ גרויסן פּלאַץ איז פאָרגעקומען אַ מיליטערישער פּאַראַד פון די רוסישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. דאָס מיליטער האָט יענעם טאָג געשיכורט, געזונגען, געשפּילט און געטאַנצט. אַ סך פון אונדזערע לאַגער־מענטשן זענען אַהין אוועק. מען האָט אַלעמען מכבד געווען מיט משקה און פאַרביי־סנס. מיליטער און לאַגער־מענטשן האָבן זיך בגילופינדיקע אויסגע־מישט צוזאַמען, געגעסן, געטרונקען, געזונגען און געטאַנצט.

אַן ערך צוויי וואָכן האָבן מיר נאָך פאַרבראַכט אין לאַגער, וואו מיר האָבן געגעסן און געטרונקען, געלעבט אָן קלער וועגן דעם, וואָס וועט ווייטער זיין, וואָס מען וועט מיט אונדז מאַכן און וואו מיר וועלן גיין. מיט אַמאָל איז געקומען אַ באַפעל פון דער רוסישער מאַכט אָפּ־

צורייניקן די הייזער און באַראַקן, ווייל מען דאַרף זיי פאַרן מיליטער. דעמאָלט האָט זיך דער עולם אַ ריר געטאָן פון אָרט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פעלקער־וואַנדערונג: מען איז געגאַנגען אין פאַרשידענע ריכטונגען. רוסישע פרויען פון געפאַנגענען־לאַגער, פוילישע פרויען, זייער פיל פון אונדזערע יידישע פרויען זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון זייערע אַמאָליקע היימען — קיין מזרח, פראַנצויזישע מענער און פרויען, בעלגיער זענען אַוועק אויף מערב, אין דער ריכטונג פון זייערע לענדער און היימען. יידן זענען אַוועק אין פאַרשידענע ריכטונגען, אי אויף מזרח קיין פוילן, אי אויף מערב, צו דער אַמעריקאַנער זאָנע, וואָס האָט זיך געפונען גאָר נישט ווייט פון אונדזער שטעטל.

אויך מיין גרופע מיידלעך פון קליין־פוילן האָט זיך פאַרנומען אין וועג אַריין. מיר האָבן פאַרלאַדעוועט אונדזערע זאַכן אויפן ראָווער און אויפן קינדער־וועגעלע און מיר זענען אַוועק. געגאַנגען זענען מיר אויף מזרח, אין דער ריכטונג צו קראָקע.

צוויי וואָכן זענען מיר געווען אין וועג. דאָס גיין איז אונדז אָנגעקומען גענוג שווער. מיר האָבן מער נישט געקענט מאַכן ווי צען קילאָמעטער אַ טאָג און אַ וועג איז דאָס געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער. אין וועג האָבן מיר גענעכטיקט אין אויסגעליידיקטע הייזער, אין שייערן און אין דער פרי — געגאַנגען ווייטער.

אויפן דריטן טאָג האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ רוסישן מיליטערישן לאַסט־אויטאָ, וועלכער האָט אונדז אַלע אויפגענומען און צוגעפירט צו אַ גרעסער שטעטל. דאָרט האָט אונדז די מיליטערישע מאַכט באַזאָרגט מיט אַ פערד און וואָגן מיט וועלכן מיר זענען, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פוילישע יונגעלייט, געפאָרן ווייטער, ביז מיר זענען, נאָך איבער אַ וואָך שלעפן זיך, אָנגעקומען קיין סטאַראָגאַרד. פון דאָרט זענען מיר שוין געפאָרן ווייטער מיט אַ פראַכט־צוג איבער פויזן, קאַטאָוויץ קיין קראָקע.

וואָס יעדע פון אונדז האָט איבערגעלעבט און געפילט, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין אונדזער געבורטס־שטאָט קראָקע, דאָס איז שווער צו שילדערן. קראָקע, מיין געבורטס־ און היים־שטאָט, די שטאָט וואו איך בין אויסגעוואַקסן, האָט מיך אויפגענומען פרעמד. איך האָב מער נישט

געהאַט די היים און נישט קיין נאָענטע צו וועמען צו גיין. דאָס הויז, וואו מיר האָבן געוואוינט איז גאַנץ און זעט אויס פונקט אַזוי ווי פאַר דער מלחמה. עס האָט זיך מיט גאָרנישט דאָרט געענדערט. בלויז אין דעם הויז — נייע מענטשן, נייע באַוואוינער. וואו גייט מען? — איז געווען די ערשטע פראַגע, וואָס מיר האָבן זיך איינע דער אַנדערער געפרעגט. נישטאָ צו וועמען צו גיין. דער איינציקער אַדרעס פאַר אונדז איז געווען — דער יידישער קאָמיטעט אין קראָקע. דאָרט זענען מיר אַוועק. מען האָט אונדז איינגעאָרדנט אין אַן אינטערנאַט פאַר צוריקגעקומענע, עטלעכע חדשים דאָרט זיך אויפגעהאַלטן און דערנאָך אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט האַנדל און אַריינגעצויגן זיך אין אַ פריוואַטער דירה ביי אַ פאַמיליע. געהאַנדלט האָב איך מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, אַבי צו האָבן פון וואָס צו לעבן. איך האָב געפירט ציגאַרעטן פון קראָקע קיין פראָג (טשעכיע) און פון דאָרט צוריק גענוצטע מלבושים, געהאַנדלט מיט וואַלוטע און אַזוי אַרום זיך אַליין אויסגעהאַלטן ביזן אָפּפאָר קיין אויסטראַליע.

ר ב ק ה   פ אָ ג ע ל

# חורבן יעדוואַבנע

יעדוואַבנע, אַ קליין שטעטעלע 21 קילאָמעטער פון לאָמזשע, האָט בײַם אויסברוך פון דער רוסיש־דײַטשער מלחמה געהאַט אַ יידישע באַפעלקערונג פון אַרום צוויי טויזנט נפשות, דערין — 600 יידן פון ווייזנע, וואָס איז בײַ יענער צייט אָפּגעברענט געוואָרן. דעם 22־טן יוני 1941, אַז עס איז באַוואוסט געוואָרן די ידיעה, אַז די דײַטשן גייען, האָט יעדעס יידישע האַרץ אַ צאַפּל געטאָן אין טויט־שרעק. מיר האָבן נאָך גוט געדענקט די דײַטשן פון סעפּטעמבער 1939, ווען אונדזער געגנט איז אין משך פון אַ קורצער צייט געווען אָקופּירט דורך זיי. איצט האָבן מיר זיך נאָך מער געשראָקן, ווײַל אויפן אָנקומען פון די דײַטשן האָבן געוואַרט אויך די פּוילישע כוליגאַנעס, וועלכע האָבן זינט קנאַפּע צוויי יאָר סאָוויעטישער הערשאַפט געמוזט זיצן שטיל. אונדזער מורא האָט זיך באַרעכטיקט.

שוין דעם ערשטן טאָג פון דער דײַטשער אָקופּאַציע זענען דער־מאָרדעט געוואָרן אַ גאַנצע ריי יידן: דער רימער יעקב קאַץ, דער שטעפּער אלי קראַוויעצקי, דער שמיד משה וויינשטיין, דער סוחר משה פישמאַן, חנא גאָלדבערג מיט זײַן זון און פיל אַנדערע.

כדי צו אילוסטרירן די שטימונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועל איך דערציילן פאָלגנדיקן שווידערלעכן פאַל: צוויי שוועסטער — איינע, די פרוי פון אברהם קאַבזשאַנסקי און די צווייטע — די פרוי פון שאול בינשטיין, וועמענס מענער זענען, אַלס סאָוויעטישע טוער, אוועק פון שטעטל צוזאַמען מיטן רוסישן מיליטער, האָבן נאָך פיל פריי־

ניקונגען, וואָס די דאָזיקע פרויען זענען אויסגעשטאַנען צוליב זייערע מענער. גענומען זייערע פּיצלעך קינדער און אַוועק צו דער סאַזשעלקע, געביטן זיך איינע די אַנדערע מיט די קינדער (מסתמא איז עס פּאַר זיי אַזוי אַרום גרינגער געווען) און אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער. קריסטן האָבן דאָס גראַד באַמערקט און האָבן די צוויי פרויען מיט די קינדער אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער. אָבער די פרויען זענען באַלד דערנאָך צוריק אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער אַריין און דערטרונקען געוואָרן.

יידן האָבן גענומען זוכן מיטלען ווי זיך צו ראַטעווען. איך ווייס נישט, וואָס אַנדערע האָבן געטאָן, אָבער מיר, דאָס הייסט — איך, מיין מאַן יאַנקל קורץ און מיינע צוויי יינגעלעך, — הערשעלע און לייבעלע, האָבן זיך צוזאַמענגערעדט מיט אונדזערע שכנים, די פּראַוודאַס — אַ פּאָרפאָלק מיט צוויי קינדער, און זענען אַוועק אין אַ דאָרף פינף קילאָ־מעטער פון יעדוואַבנע. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָרט וועט אונדז אַ באַקאַנטער קריסט העלפן זיך אויסבאַהאַלטן. דער קריסט האָט אָבער מורא געהאַט אונדז אויפצונעמען און האָט אונדז געשיקט אין פעלד אַריין, צו באַהאַלטן זיך אין קאָרן.

די פרוי פּראַוודאַ איז, צוזאַמען מיט מיינעם און אירן אַ יינגל, אַוועק אין שטעטל אַריין זיך דערוויסן וואָס עס הערט זיך און זענען מער נישט צוריקגעקומען אין פעלד. מיר זענען געלעגן אין קאָרן אַ גאַנצן טאָג, מידע, פאַרברענטע פון דורשט. זענען מיר אין אָוונט אַוועק צום באַקאַנטן קריסט אין דאָרף. דאָס מאָל האָט ער אונדז דערלויבט זיך אַוועקצולייגן אויף דער ערד אין זיין הייזקע און מיר זענען אַזוי איבער־געשלאָפן די נאַכט.

צומאָרגנס האָבן מיר דורך אַ קריסטלעכן בחור געקראָגן צוגע־שיקט אַ בריוול פון דער פרוי פּראַוודאַ. „טייערע מיינע, — האָט זי גע־שריבן, — קומט וואָס גיכער אַהיים. מיין געוויסן פּייניקט מיך וועגן דעם, צי איך וועל אייך נאָך דערלעבן אָנצוזען".

אין מיטן לייענען דאָס בריוול איז פּלוצלונג אַריינגעקומען אַ קריסט און אַ געשריי געטאָן צו אונדז: אַנטלויפט, ווייל פּויערים פון דאָר ףמאַקאַווסקי קומען נאָך אייך.

עס איז שוין אָבער געווען שפּעט צו אַנטלויפן. די פּויערים זענען

שוין געווען פאר דער טיר. מיר האבן בלויז באוויזן ארויפצולויפן אין קעלער אריין. אבער באלד דערנאך האבן מיר דערהערט א געשריי, אז מיר זאלן ארויסגיין פון קעלער. די ערשטע האבן מיר ארויסגעשטעלט די צוויי קינדער, דערנאך בין איך ארויס, און אז די פויערים האבן געדראט אריינצושיסן אין קעלער, זענען אויך די צוויי מענער ארויסגעקומען.

דאס ביסל זאכן, וואס מיר האבן געהאט מיט זיך האבן די פויערים צוגענומען, געהייסן די מענער ארויפגיין אויף א וואגן און מיט זיי אוועקגעפארן. צוגעקומען צו א וועלדל, האט מען די מענער געהייסן אראפגיין פון וואגן און זיך אויסדרייען מיט די רוקנס צו די פויערים. פראוודא האט געבעטן, אז מען זאל זיי דערלויבן פארן טויט צו זאגן ווידוי. דאס האבן די פויערים דערלויבט. פראוודא האט זיך איינגעהילט אין א טלית, וואס ער האט געהאט מיט זיך און אנגעהויבן צו זאגן ווידוי. מיין מאן האט דערווייל דערקענט איינעם פון די פויערים און איז צוגעפאלן צו אים מיט א געבעט: דו קענסט דאך מיך, דו ווייסט דאך, אז מיר זענען נישט קיין קאמוניסטן, פארגיסט נישט קיין אומשולדיק בלוט, האט רחמנות אויף אונדזערע פרויען און קינדער. דאס האט, זעט אויס, געווירקט אויף די פויערים. זיי האבן נישט געשאסן. נאך מער, זיי האבן אפילו די צוויי מענער אונדזערע אדורכגעפירט דורך די צום מייסט געפערלעכע ערטער און אריינגעבראכט צוריק אין שטעטל אריין.

דערווייל איז אין שטעטל געווארן בירגערמייסטער איינער פון די ארטיקע קרימינעלע פארברעכער, קאראלאק. צו הילף האט ער זיך גענומען די ערגסטע אונטערוועלט-מענטשן און אנטיסעמיטן, ווי טאטע און זון קובזשעניעצקי, די ברידער יארדאנסקי און אנדערע. עס איז אוועק א סדרה אונטערהאנדלונגען מיט די דייטשע זשאנדארן וועגן דערלויבן אומצוברענגען דאס ביסל יידן אין הורט, אויף איין מאל. די דייטשן האבן נאך דעמאלט נישט געהאט קיין פארארדנונג אויסצורראטן די יידן, האבן זיי זיך אין אנפאנג געדונגען: דערליידיקט די קאמוניסטן צווישן זיי. דערויף האבן די פאליאקן געענטפערט, אז אלע יידן זענען קאמוניסטן. טא לאזט באמש איבער די בעל-מלאכות, האבן

זיך די דייטשן געדונגען, מיר דארפֿן זיי נאָך דערוויַיל האָבן. די פּאָ־ליאַקן האָבן אָבער פֿאַרזיכערט, אַז זיי האָבן אייגענע בעל־מלאכות.

צופֿיל בעטן זיך ביי די דייטשן האָט מען, ווייזט אויס, נישט געדאַרפֿט. זיי האָבן מסכים געווען אויפֿן פּלאַן פֿון די פּאָליאַקן.

דעם 10־טן יולי, אָדער 15 טעג אין חודש תמוז, איז דאָס שטעטל אַרומגערינגלט געוואָרן. אַלע יידן זענען אויפֿגעפֿאָדערט געוואָרן צו פֿאַרלאָזן די הייזער און אַרויסקומען אויפֿן מאַרק. מען האָט געהייסן מיטברענגען בעזעמער מיט זיך. דאָס האָט כּלומרשט געדאַרפֿט אויס־זען, אַז מען רופֿט די יידן צום פֿאַרקערן די גאַסן. מיין מאַן מיט ביידע קינדער זענען באַלד אַוועק. איך האָב זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַ וויילע לענגער אין דער היים, כּדי צו פֿאַרשליסן דאָס הויז און די קאַשע־מיל, וואָס מיר האָבן געהאַט דערנעבן. מיר האָט זיך נאָך אויך געוואָלט אַריינגיין צו אונדזער שכן, פּראַוודאַ, כּדי צו זען וואָס זיי טוען. פּראַוודאַ איז געשטאַנען אין זיין פֿאַרבעריי און האָט זיך פֿאַר־גומען מיט פֿאַרבן אַ פּאָר הויזן פֿאַר אַ זשאַנדאַר. פּראַוודאַ האָט גע־מיינט, אַז דאָס וועט אים אפֿשר עפּעס העלפֿן. איך האָב נאָך נישט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, ווי פּראַוודאַס פֿרוי איז אַריינגעלאָפֿן מיט אַ געשריי: חיים־יאָסל, אַנטלויף, וויַיל עס איז שלעכט.

איך האָב דאַן אינגאַנצן פֿאַרלוירן מיין געדאַנק און אָנשטאָט צו גיין דאָרט וואו מיין מאַן און מיינע קינדער זענען, בין איך אַוועק גאָר צוזאַמען מיט די פּראַוודאַס אין דער ריכטונג צום פּריצישן הויף, און מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין די קוסטעס. אַז איך האָב זיך באַזינען, בין אויפֿגעשפּרונגען און געוואָלט לויפֿן צוריק, האָבן מיך די פּראַוודאַס מיט געוואַלד פֿאַרהאַלטן, געבעטן איך זאָל נישט גיין, וויַיל מיט מיין אַרויסגיין פֿון באַהעלטעניש קאָן אונדז נאָך עמיץ דערזען.

גאָר נאָענט פֿון אונדז האָבן זיך פּלוצלונג דערהערט טריט. אַ קריסט איז פֿאַרבייגעגאַנגען. פּראַוודאַ האָט באַמערקט נאָך איינעם — יאַרדאַנסקי, און באַלד דערנאָך האָבן מיר דערהערט אַ געשריי, געוואַלדן, אַ בעטן זיך מען זאָל נישט דערהרגענען, אַ קלאַפּעריי מיט דרענגער און קרעכצן. מיר האָבן שפּעטער זיך דערוואוסט, אַז דאָס האָט מען נישט וויַיט פֿון אונדזער באַהעלטעניש דערהרגעט אַ יונגן יידישן בחור,

יוסף לעווין. שפּעטער זענען מיר אויך געוואָר געוואָרן, וואָס עס איז געשען מיט דער גאַנצער עדה יידן אויפֿן מאַרק.

פֿון 11 אין דער פֿרי, אונטער אַ גליענדיקער זון, האָט מען די יידן געהאַלטן אויפֿן מאַרק אַ גאַנצן טאָג. פּאַרטיעסווייז צו פֿערציק מאַן האָט מען אָפּגעשיקט די יידן אויפֿן בית־עולם, געהייסן אויסגראָבן גריבער, אַריינגעוואָרפֿן דאָרט די יידן און זיי לעבעדיקערהייט פֿאַרשאָטן. צווישן איין בלוטיקער אַקציע און דער אַנדערער האָבן זיך די כוליגאַנעם געמיטלעך פֿאַרוויילט מיט די יידן אויפֿן מאַרק. אָט האָבן זיי אַראָפּגענומען לעבנ׳ס פֿיגור פֿון פּיעדעסטאַל, אַרויפֿגעשטעלט אויף אַ ברעט און געצוואונגען די יידן צו טראָגן דאָס ברעט מיט לעבנ׳ס פֿיגור און מאַרשירן מיט געזאַנג פֿון באָלשעוויסטישע לידער; אָט האָבן זיי דעם אַלטן רב, ר׳ אביגדור ביאַלאָסטאָצקי, אַרויפֿגעלייגט אַ שווערן שטיין אויפֿן קאָפּ און אים אַזוי אַרומגעפֿירט איבערן מאַרק; אָט האָבן זיי גאָר אַרויסגעשלעפּט יודקע נאַדזאָלנעס מיידל, גיטעלע, איר אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און זיך מיט איר אַרומגעוואָרפֿן ווי מיט אַ פּילקע. פֿאַרנאַכט צו איז אויפֿן מאַרק אַרויסגעקומען איינער וואַשילעווסקי, וועלכער האָט פֿאַר די איבערגעבליבענע יידן איבערגעלייענט אַ טויטאורטייל דורך פֿאַרברענען לעבעדיקערהייט. דאָס האָט ביי אים געהייסן אַ זייער מילדער אופֿן פֿון אומקומען, מחמת די אַלע דאָ איבערגעבליבענע — האָט ער באַטאָנט — זענען באמת אָרענטלעכע יידן, אַנדערש וואָלטן זיי אומגעקומען מיטן זעלבן טויט ווי די, וואָס מען האָט פֿריער באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

די בלעכן מיט בענזין זענען געשטאַנען גרייט און עס איז געגעבן געוואָרן די קאָמאַנדע צו לאָזן זיך אין וועג אַריין.

ווי מען גיט איבער, האָבן זיך די יידן געפּרואווט ווערן, נישט געוואָלט גיין. די כוליגאַנעם זענען אָבער אוועק צו די דייטשע זשאַנדאַרן, וועלכע האָבן זיי אַרויסגעגעבן עטלעכע ביקסן. מען האָט אַלע יידן אַריינגעטריבן אין שלישאַנסקיס שייער נישט ווייט פֿון בית־עולם, באַגאָסן די ווענט מיט בענזין און אונטערגעצונדן. מיר, אין אונדזער באַהעלטעניש, האָבן פֿון דער ווייטנס געהערט דאָס יאָמער־

לעבע מאַסן־געשריי, וואָס האָט זיך געטראָגן דורך די פעלדער פון דער זייט פון בית־עולם.

איידער איך גיי איבער צו די ווייטערדיקע פּאַסירונגען, וויל איך דערציילן וועגן צוויי פאַלן, וואָס איינער פון זיי ווייזט אונדז, ווי אַזוי אַ מענטש קען זיך דערהויבן צו דער העכסטער שטופע פון קידוש השם, און דער צווייטער — צו דער שטופע פון פחדנות, געפאַלנקייט און פאַרראַט.

אין אונדזער שטעטל האָבן געוואוינט צוויי יידן. איינער האָט געהייסן מיכאל קוראָפּאַטווא, אַ ייד אַ בעל־עגלה און פאַרשטייט זיך אַ פּראָסטער יונג. דער צווייטער האָט געהייסן ישראל גראַנדאָווסקי — אַ מטאָלער, אָבער אַ שיינער באַלעבאָס, אַ דאָזאָר און אַן אָפּגעהיטענער פרומער ייד. מיטן ערשטן איז געשען אַ פאַל, אַז אין 1939, נאָך די פּויליש־דייטשע קאַמפן, האָט זיך ביי אים אויסבאַהאַלטן אַ פּוילישער לופט־פליער. די פּאָליאַקן פון שטעטל האָבן דאָס געוואוסט און האָבן, צוליבן דאָזיקן זכות, איצט געוואָלט קוראָפּאַטוואַן אָפּדינגען און אים מיט זיין משפחה ראַטעווען פון טויט. זיי האָבן אים געהייסן אַוועק־גיין פון מאַרק, ווייל ער איז דער איינציקער ייד, וואָס איז ווערט צו בלייבן לעבן. קוראָפּאַטוואָס ווייב מיט די קינדער זענען געשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן און געוואַרט, אַז דער טאַטע זייערער זאָל מיט זיי אַהיימגיין. ער האָט זיך אָבער פאַרעקשנט און געזאָגט: ניין, דאָרט וואו דער רב מיט אַלע יידן גייען, דאָרט וועל איך אויך גיין. ווען איינע פון זיינע טעכטער האָט געזען, אַז דער טאַטע אירער לאָזט זיך נישט איבעררעדן, האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, אַרויפגעפאַלן אויף איר טאַטע און אים אָנגעהויבן קושן. מיט געוויין האָט זי צו אים געזאָגט: טאַטע, איך גיי אויך מיט דיר. און זיי זענען אַוועק צוזאַמען מיט אַלע יידן אויפן וועג פון אומקום.

די פרוי פון צווייטן ייד ישראל גראַנדאָווסקי האָט זיך אַריינגע־ריסן צום גלח אין הויז, געפאַלן דעם גלח צו די פיס, געקושט די הענט און געבעטן, אַז ער זאָל זי מיט איר מאַן און קינדער ראַטעווען פון טויט און דערפאַר וועט זיך די גאַנצע משפחה אירע שמדן. אַזוי איז טאַקע געשען. די גאַנצע עדה יידן פון שטעטל איז אַוועק אויף קידוש השם

און ישראל גראַנדאָווסקי מיט זיין משפּחה זענען אַוועק אין קירכע.

אין דער זעלבער נאַכט נאָכן חורבן אין אונדזער שטעטל זענען מיר שטילערהייט אַוועק פון אונדזער באַהעלטעניש און דורך פאַרשיידענע אומוועגן געגאַנגען צוריק אַהיים. מיר האָבן זיך פאַרקליבן צו פּראַוודאַן אין שטאַל און דאָרט אָפּגעזעסן דריי טעג. תחילת האָבן מיר געמיינט, אַז אויסער אונדז איז פון יידן נישטאָ מער קיינער אין שטעטל. עס האָט זיך אָבער שפּעטער אָפּגעזוכט אַ קליינע גרופּע יידן. פון אַ צוויי־טויזנט־קעפּיקער יידישער באַפעלקערונג איז סך־הכל געבליבן נישט מער ווי 125 נפשות.

נאָך דער גרויסער בלוטיקער אַרגיע האָט זיך דער רציחה־הונגער ביי דער פּוילישער באַפעלקערונג אַביסל געשטילט. זיי האָבן אונדז געדראָט, באַליידיקט, געשלעפּט צו שווערע אַרבעטן, אָבער דערוויל געלאָזט לעבן. און אַזוי צווישן לעבן און טויט האָבן מיר זיך אָפּגעפּייניקט צוויי חדשים. מיט אַמאָל האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל, אַז מיר אַלע זאָלן זיך פאַרזאַמלען פאַרן מאַגיסטראַט. אַזוי ווי אויף קיין שום גוטס איז זיך נישט געווען צו ריכטן מיט דעם באַפעל, האָבן מיר, איך און די משפּחה פּראַוודאַ, באַשלאָסן תיכף צו אַנטלויפן קיין לאָמזשע.

לאָמזשער יידן זענען שוין דעמאָלט געווען פאַרשלאָסן אין אַ געטאָ. די באַדינגונגען זענען דאָרט געווען שווערע. נישט געווען וואָס צו עסן, נישט געווען קיין ברען־מאַטעריאַל צו באַהייצן די דירות. אונטער לעבנס־געפאַר האָט מען זיך אַרויסגעקריגן אויף דער אַנדערער זייט פון געטאָ, כדי עפּעס צו פאַרקויפן און קריגן אַביסל שפּייז.

אַ וואָך נאָך מיין אָנקומען אין לאָמזשער געטאָ איז דאָרט פאָרגעקומען אַ סעלעקציע און צוויי טויזנט יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעטס־קאַרטן זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין געלטשינער וואַלד, וואו מען האָט די יידן דערשאָסן. דורך אַ צופאַל, וואָס איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט אין דער ריי פון שוואַנגערע פרויען, בין איך, נישט האָבנדיק אַליין קיין אַרבעטס־קאַרטע און נישט זייענדיק צוגעשריבן צו אַ מאַן מיט אַזאַ קאַרטע, אויך דאָס מאָל ניצול געוואָרן.

געוואוינט האָב איך מיט דער אָסטראָלענקער פאַמיליע האָלצמאַן — אַ מוטער מיט אַ זון און פיר טעכטער. עס האָט זיך אויך דאָ אויפ־

געהאַלטן מײַנע אַ קרובה, חיה איטקע דראַנזשעק מיט צוויי קינדער. צוזאַמען צען נפשות אין צוויי צימערן. מיט אַמאָל האָט די עלטסטע טאָכטער פון די האָלצמאַנס, חיה־פריידע, פלוצלונג אויסגעפונען, אַז די דייטשן גייען פולשטענדיק ליקווידירן די לאָמזשער געטאָ. זי האָט זיך דעריבער צונויפגערעדט מיט אירס אַ באַקאַנטן פּאָליאַק, פּשי־כּאָדניאַ, וועלכער האָט איר צוגעזאָגט צו העלפן זיך ראַטעווען. זאַלבע־זעקסט האָבן מיר זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ און אַוועק צו פּשי־כּאָדניאַן. אָבער אַז ער האָט אונדז דערזען, האָט ער זיך אַליין דער־שראָקן און האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז ער האָט זיך נישט גערעכנט אויף אַזאַ גרויסער צאָל מענטשן. אָבער ער האָט אונדז פונדעסטוועגן נישט אַרויסגעיאָגט, נאָר פאַרבאַהאַלטן אין אַ קעלער, וואו מיר זענען אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג האָט ער אונדז אַוועקגעפירט אין געלטשינער וואַלד אַריין. מיר האָבן דאָרט אויסגעגראָבן אַ גרוב און זיך דאָרט באַהאַלטן. פּשיכּאָדניאַ פלעגט צו אונדז אָפט קומען, ברענגען עסן און שפּעטער אפילו אַרויסגעפירט פון געטאָ די איבערגעבליבענע פיר מענטשן, וואָס האָבן מיט אונדז צוזאַמען געוואוינט אַזוי, אַז מיר זענען ווידער געווען צען נפשות צוזאַמען.

נאָך אַכט טעג זיצן אין גרוב האָבן מיר דערזען אַ פויער מיט אַ ביקס. מיר האָבן געמיינט, אַז איצט איז שוין זיכער געקומען אונ־דזער סוף. ער האָט אונדז אָבער גאָרנישט געטאָן, נאָר געהייסן אַנט־לויפן. מיר האָבן זיך ווידער אַוועקגעלאָזט וואַנדערן און נאָך עטלעכע אומגעלונגענע פרואוון זיך אויסצובאַהאַלטן ביי פויערים, האָבן מיר לסוף באַשלאָסן אונדזער גרופּע פון צען פאַנאַנדערצושפּליטערן און באַזונדער זיך לאָזן אויף גאָטס באַראָט.

צוויי יאָר האָב איך אַזוי אַרומגעוואָגלט אין די וועלדער, ביז די סאָוויעטן זענען אָנגעקומען און מיך געראַטעוועט. חוץ מיר זענען פון אונדזער אַמאָליקער גרופּע געבליבן לעבן דריי טעכטער פון די האָלצ־מאַנס. די מוטער זייערע, די עלטסטע שוועסטער, וועלכע האָט אונדז אַרויסגעראַטעוועט פון געטאָ, און זייער איינציקער ברודער, חיים, זענען אומגעקומען. אויך חיה איטקע דראַנזשעק מיט איר דריי־יאָריק קינד זענען אומגעקומען. איר 13־יאָריקע טאָכטער, רחלע, וועלכע האָט

זיך אויפגעהאַלטן ביי פּויערים, פאַרשטעלט ווי אַ קריסטלעך קינד, איז געבליבן לעבן. אָבער רחלע איז שוין היינט נישט יענע באַהנטע יידישע מיידעלע, מיט וועלכער איך האָב זיך צעשיידט אין וואַלד. זי איז שוין היינט אַלט 18 יאָר און איז אַ נאָנע אין אַ לאָמזשער קלויסטער.

פאַר מיין אָפּפאָר פון פּוילן האָב איך זיך מיט איר געזען, געוואָלט זי אַרויסראַטעווען פון די רויבערישע יעזואיטישע הענט. רחלע האָט נישט געוואָלט. זייער, זייער ווייט איז זי שוין דעמאָלט געווען פון יידישן פאָלק.

שלמה ליפמאַן

# אין די לאַגערן אַרום פויזן

ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין אין אונדזער שטאָט, האָט זיך אויף דער יידישער באַפעלקערונג אַ שאָט געטאָן אַ מבול פון פאַרשידענע פאַראָרדנונגען, וואָס האָבן פון טאָג צו טאָג שווערער און שרעקלעכער געמאַכט דאָס לעבן. אַלערליי קאָנטריבוציעס, צונעמען יידיש פאַרמעגן, אפילו בעטגעוואַנט, פאַרטרייבן פון די דירות א. אַ. וו.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די פּלאָג פון נעמען אויף אַרבעט, פון פאַרשיקן אין אַרבעטס־לאַגערן. דער יידן־ראַט האָט געמוזט צושטעלן יונגע, קרעפטיקע מענטשן צו דער אַרבעט פאַר די דייטשן און האָט נאָך געמוזט דעקן די הוצאות פאַר אויסהאַלטן די אַרבעטנדיקע.

שפּעטער אַביסל האָבן די דייטשן אַליין דורכגעפירט אַ „ווערבירונג“ אויף אַרבעט. דאָס איז געמאַכט געוואָרן אַזוי: מען האָט אַלע, מענער, פרויען און קינדער, פאַרטריבן אין אַ גרויסער שול־געביידע, פאַראָרדנט אַלעמען אויסצוטאָן זיך נאַקעט און דייטשן האָבן דורכגעפירט די אויססאָרטירונג. יעדן איינעם האָט מען אויפן הינטערשטן טייל קערפּער אַוועקגעשטעלט אַ שטעמפּל, פּונקט אַזוי ווי מען שטעמפּלט פערד. דער צייכן „אַ“ האָט באַדייט — אַרבעטספעאיק, דער צייכן „ב“ — נישט פעאיק צו קיין אַרבעט.

מיר האָבן זיך תחילת נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון דערפון, אַז דער צייכן „ב“ באַדייט גלייבצייטיק אַ טויט־אורטייל. דאָס האָבן מיר זיך ערשט שפּעטער דערוואוסט. כמעט אַלע אַרבעטס־פעאיקע האָט מען אַוועקגעשיקט אין די אַרבעטס־לאַגערן אַרום פויזן. אויך מיך

האָט מען דאָרט אַהין געשיקט. די איבערגעבליבענע, קראַנקע און שוואַכע, פרויען און קינדער צוזאַמען מיט אַ טייל געזונטע — פאַכמענער, זענען דערווייל פאַרבליבן אין אָזאָרקאָוו און געאַרבעט אין די אָרטיקע דייטשע וואַרשטאַטן. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז זומער 1942.

שפּעטער האָט מען די עלטערע מענטשן, פרויען, קינדער און קראַנקע אַוועקגעשיקט קיין כעלמנאָ, וואו מען האָט אַלע אומגעבראַכט. נאַקעטע האָט מען די מענטשן געטריבן אין גערעקטע אויטאָס אַריין, אָפּגעפּאָרן מיט זיי אין נאָענטסטן וואַלד אַריין, אויפן וועג אַלעמען פאַרגאַזט אין די אויטאָס און דערנאָך אין וואַלד אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב און פאַרברענט. דאָרט טאַקע, אין כעלמנאָ, זענען אויך אומגעקומען מיין פרוי און קינד.

אין אָזאָרקאָוו זענען שוין דעמאָלט פאַרבליבן בלויז די פאַכלייט, וועלכע זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין אַ געטאָ. אָבער שוין מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז אָזאָרקאָוו אינגאַנצן אָפּגערייניקט געוואָרן פון יידן. מען האָט אַלע יידן אַוועקגעשיקט קיין לאָדזש, וואו זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע לאָדזשער יידן.

די אַרבעט און די באַדינגונגען אין מיין לאַגער זענען געווען זייער שווערע. מען האָט געמוזט אָפּגעבן אַלץ, וואָס מען האָט געהאַט מיט זיך פון געלט און חפצים. עס איז געווען פאַרבאָטן צו קויפן שפּייז. דער הונגער אין לאַגער איז געווען אַ מוראדיקער, אָבער פאַר קויפן זיך עפּעס אויף „לינק" האָט געדראָט טויט־שטראָף. געווען אָבער אַזעלכע, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן, נישט אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס מען האָט געהאַט, אויסבאַהאַלטן וואו נאָר מען האָט געקענט. מען האָט אויך געקויפט עסנוואַרג. עטלעכע יידן זענען טאַקע אַריינגעפאַלן און מען האָט זיי אויפגעהאָנגען דערפאַר.

איינמאָל אין אַ זונטיק האָט מען אויפן לאַגער־סטאַדיאָן פאַרזאַמלט אַלע יידן פון די אַרומיקע לאַגערס. אויפן פּלאַץ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ תליה און דער פאַרטרעטער פון פויזנער גאַולייטער, גרייזער, האָט געהאַלטן אַ רעדע צו די יידן. ער האָט געזאָגט: „איר, יידן, זייט פאַראורטיילט אויף פאַרניכטונג. איר קענט אייער לעבן בלויז פאַרלענגערן מיט אַרבעט און נאָך אַמאָל אַרבעט. מיר שרעקן

זיך נישט דורכצופירן אונדזערע געזעצן, דאָס הייסט — צו הענגען אייך אַלע ביזן לעצטן, ווען איר וועט איבערשרייטן די געזעצן פון נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם. אַט זענען די ערשטע דריי, וואָס גייען אויפן שטראַנג פאַר גיין קויפן זיך אַ שטיקל ברויט".

פאַר אַלעמען אין די אויגן האָט מען די דריי יידן אויפגעהאָנגען.

„דאָס איז נאָר אַ ביישפּיל פון אָפּשרעקן" — האָט גרייזערס פאַרטרעטער דערנאָך צוגעגעבן.

כמעט יעדע וואָך האָט מען געכאַפּט גרופּעס „פאַרברעכער", וועלכע מען האָט עפנטלעך אויפגעהאָנגען. אין דעם לאַגער בין איך געווען קנאַפּע צוויי יאָר. דורך דער צייט האָט מען בלויז אין מיין לאַגער אויפגעהאָנגען 120 מענטשן. געווען צווישן די פאַרמשפּטע אַ סך מוטיקע מענטשן, וועלכע זענען העלדיש געגאַנגען צום טויט. צוויי פון זיי וויל איך דערמאָנען, איך געדענק זייערע נעמען. איינער האָט געהייסן פישל ענגעל, פון טורעק. גייענדיק צו דער תליה האָט ער געזאָגט צו די געשטאַפּאָ-לייט: „איר, מערדער, איר זאָלט וויסן זיין, אַז די צייט פון אָפּרעכענונג וועט קומען פאַר אייך". און צו אונדז האָט ער געזאָגט: „האַלט זיך ביזן לעצטן מאָמענט, און אַז איר וועט דערלעבן, זאָלט איר נקמה נעמען". דער צווייטער האָט געהייסן מאָטעק שוואַרץ, אַ יונגער בחור פון קויל (אויף פויליש — קאָלאָ). ער האָט אויסגערופן צו אונדז: „איר זאָלט לעבן, כדי נקמה צו נעמען".

איינמאָל האָט מען געבראַכט זיבן מענטשן צום הענגען. די תליה האָט אָבער אויף איין מאָל געקענט אויפנעמען בלויז דריי מענטשן. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין אַ געביידע, וואו עס איז געווען אַ שניידער-וואַרשטאַט. דאָרט איז געווען אַ לאַנגער קאָרידאָר. מיט אַמאָל זעען מיר, ווי מען טרייבט אַריין אין דעם קאָרידאָר זיבן מענטשן. איינער פון זיי האָט געבעטן ביי אונדז אַ שטיקל ברויט. ער איז הונגעריק. דערויף האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטער: „נעם נישט צו ביי די מענטשן דאָס קאַרגע שטיקל ברויט. וואָס זיי האָבן; זיי לעבן און דאַרפן עסן. וואָס האָסטו מורא, אַז דו וועסט חלשן פאַרן גיין צו דער תליה?" „איך וויל כאָטש זיין זאַט אַ פּאָר מינוט פאַרן טויט" — האָט זיך יענער געבעטן. אַן אַנדערער ווידער האָט געבעטן אַ ציגאַרעט.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיי באַזאָרגט מיט ברויט. אָבער ווי דערלאַנגט מען זיי דאָס ברויט, אַז די הענט זענען ביי זיי געווען געבונדן אויף הינטן. מיר האָבן שטיקלעך ברויט אַוועקגעלייגט אויף אַ ברעט און יעדער פֿון די פֿאַרמשפּטע האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, כּדי צו דערגרייכן דעם ביסן, פּונקט ווי חיות.

צו דריי האָט מען שפּעטער אַרויסגעפֿירט די יידן צו דער תּליה און זיי אויפֿגעהאָנגען.

איינמאָל איז ביים הענגען דריי יידן געשען אַן אויסערגעוויינ־לעכע זאַך: ביי איינעם, לייזער זיזאָווסקי פֿון לאָדזש, האָט זיך אָפּגע־ריסן די שטריק; זיזאָווסקי איז אַוועקגעפֿאַלן אויף דער ערד, האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף זיינע צוויי הענגענדיקע חברים. איינער פֿון דער געשטאַפּאָ איז צו אים צוגעלאָפֿן און פֿאַר־וואָרפֿן אים אויפֿן האַלדז אַ צווייטע שטריק. דאָס מאָל האָט די שטריק אויסגעהאַלטן.

זייער אַ סך מענטשן זענען אין לאַגער געשטאָרבן פֿון הונגער. יעדן טאָג פֿלעגט קומען אין לאַגער אַ וואָגן, אויף וועלכן מען פֿלעגט אָנלאָדעווען פֿול מיט נאַקעטע מתים, אָנגעוואָרפֿן זיי ווי קעלבער און אַוועקגעפֿירט צום פֿאַרברענען.

אין מערץ 1943 זענען די פּויזנער לאַגערן ליקווידירט געוואָרן. איך מיט נאָך צוויי ברידער מיינע זענען צוזאַמען מיט אַ גרופּע פֿון 250 מענטשן אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין זבאָנשין — די אַמאָליקע פּויליש־דייטשע גרענעץ. איך האָב דאָרט געאַרבעט פֿינף חדשים ביי ערד־אַרבעט אונטער אַ באַוואַכונג פֿון פּאָליאַקן. אָבער נאָכן אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט מען אונדז אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ. געפֿאָרן זענען מיר צוויי מעת־לעת. אין מיטן דער נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין אַ וואַלד. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן פֿון די וואַגאָנעס. דער פּלאַץ אַרום איז געווען באַלויכטן און שטרענג באַוואַכט. ס.ס.־לייט האָבן אונדז פֿאַרטריבן אין לאַסט־אויטאָס אַריין, וועלכע זענען געשטאַנען גרייט פֿאַר אונדז. דערביי איז פֿאָרגעקומען אַן אָפּקלויב: שוואַכע, קראַנקע, האָט מען געשיקט צום פֿאַרניכטן, געזונטע — אין לאַגער אַריין אויף אַרבעט.

אנגעקומען אין לאגער האבן מיר געטראפן קאצעטלער פון פארשידענע נאציאנאליטעטן. אין א שמועס מיט יידן־קאצעטלער זענען מיר געוואר געווארן, אז מיר געהערן צו די מזלדיקע, ווייל א טייל פון אונדזער טראנספארט האט מען גלייך אפגעפירט אין די גאז־קאמערן.

אכט טעג האט מען אונדז ארומגעיאגט, דרעסירט, געלערנט די „געזעצן" פון א קאצעטניק. אין די דאזיקע טעג האט מען אונדז אויך אויסגעברענט נומערן אויף די הענט און דערנאך אוועקגעשיקט אויף ארבעט. מען האט אונדז איינגעטיילט אין פארשידענע גרופן־קאמאנדאס און יעדע גרופע האט געהאט אן אנדער ארבעט אויסצופירן: אין קוילן־גרובן, אמוניציע־פאבריקן און פארשידענע אנדערע ארבעטס־פלעצער. מיך מיט מיינע ברידער האט מען טאקע געשיקט אין א קוילן־גרוב. אבער דאס איז שוין געווען גוט, ווארום די עטלעכע טעג, וואס מיר זענען געווען אין אוישוויצער לאגער גופא, האבן מיר גע־האט אויסצושטיין געברענטע צרות נישט נאר פון די דייטשן, נאר אויך פון פארשידענע פארברעכער און אונטערוועלט־מענטשן, וואס מען האט אויפגעשלעפט אהער פון אלע תפיסות און וועלכע זענען געווארן אונדזערע באלעבאטים. פארשידענע פוילישע, לעטישע און אנדערע אנטיסעמיטן האבן אונדז פארפאלגט, שיקאנירט און גע־פייניקט.

די שווערע ארבעט־באדינגונגען און דער הונגער האבן דערפירט דערצו, אז מענטשן זענען גיך אויסגעדארט און קראנק געווארן. אזעלכע האט מען אין אונדזער קוילן־גרוב גערופן „מוסולמענער". צוויי מאל אין דער וואך — מאנטיק און דאנערשטיק — פלעגט קומען דער אויטא מיטן „רויטן קרייץ" פון אוישוויץ און צונעמען די אומפעאיקע צו דער ארבעט. אויף זייער ארט האט מען געבראכט געזונטע און אזוי האט מען כסדר ארויסגענומען די אויסגעמאטערטע מענטשן צום פארניכטן און געבראכט פרישע אויף זייער ארט.

אין די שוידערלעכע באדינגונגען, אין וועלכע מיר האבן געלעבט, פארטראכט געווויסע צוגרייטונגען, אבער די דייטשן האבן זיך עפעס דערוואוסט וועגן אונדזערע פלענער און עטלעכע מענטשן זענען אפ־געשיקט געווארן קיין אוישוויץ.

אין אויפשטאַנד מאַכן איז געווען שווער, כמעט אוממעגלעך. דאָך איז געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק צו מאַכן אַן אויפשטאַנד. מען האָט שאַנסן, אַז עס זאָל זיך ווער קענען אַרויסקריגן פון דאָרט לעבעדי־קערהייט זענען געווען אויסזיכטסלאָז. אויף יעדע פּופּציק מעטער איז געשטאַנען אַן אָבסערוואַציע־בודקע מיט אַ מאַשין־געווער. דער פּלאַץ אַרום איז געווען שטענדיק באַלויכטן און אַרומגעצוימט מיט עלעקטרי־זירטן שטעכל־דראָט. דערנאָך האָט מען דעם פּלאַץ נאָך מער באַ־פעסטיקט און פאַרשטאַרקט די שמירה. אָבער נישט געקוקט אויף קיין שום שוועריקייטן האָבן מיר אָנגעהויבן אַ געהיימע אַרבעט פון גראָבן אַן אונטערערדישן טונעל, דורך וואַנען צו אַנטלויפן. מען האָט גע־גראָבן מיט לאָפּאַטעס און מיט די גאָלע הענט אַ דורכגאַנג אונטער דער ערד. אויך דער פּלאַן איז דורכגעפאַלן. איינער אַ דייטשער העפטלינג מיטן נאָמען פראַנץ, וועלכער איז געווען אַ „קאַפּאָ" אין דעם קוילן־גרוב האָט געמסרט די גרופּע און מען האָט אַלע וואָס מען האָט גע־כאַפּט ביי דער אַרבעט אָפּגעשיקט קיין אוישוויץ. דעם אָנפירער פון דער גרופּע האָט מען אויפן אָרט עפנטלעך געהאַנגען.

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך דערפילט, אַז איך קען שוין מער נישט אַרבעטן אין קוילן־גרוב. נאָך פון די צייטן פון פּויזנער לאַגער האָב איך געהאַט אַ פּעלער, געווען געברעכט. די אַרבעט אין קוילן־גרוב איז פאַר מיר געווען זייער שווער, אגב האָט מען געקראָגן צו פּופּציק שמיץ אויב מען האָט נישט אויסגעפירט די נאָרמע. איך האָב באַשלאָסן צו מעלדן זיך ביים אָפּעל צום לאַגער־עלטסטן וועגן מיין פּעלער, אַז איך האָב אַ ברוך און קאָן נישט אַרבעטן. צוויי לאַגער־עלטסטע זענען געווען. איינער איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ בעסערן, ער האָט געהייסן ס.ס.־מאַן באַומגאַרטען. צו אים האָב איך זיך געמאָלדן. אויסגעהערט מיך, פרעגט ער: „אויב אַזוי, ווי קומסטו אַהער? פאַר אַזעלכע ווי דו — מאַכט ער צו מיר — איז דאָ קיין אָרט נישט, דיין אָרט איז אין דער ,הימל־קאָמאַנדאָ", דאָס הייסט — אין קרעמאַ־טאָריע". און ער האָט מיך געהייסן זיך מעלדן צום לאַגער־דאָקטאָר.

דער לאַגער־דאָקטאָר ביי אונדז איז געווען אַ העפטלינג, אַ מיש־עכישער ייד — אָרליק. עס פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט דעם דאָקטאָר

אליין נישט אָנפּאַרטרויט די מעדיצינישע אונטערזוכונגען. עס איז שטענדיק מיט אים געווען אַ פּאַרטרויאונגס־מאַן פון די ס.ס.־לייט.

אַז דער דאָקטאָר האָט אויסגעהערט מיינע טענות, פרעגט ער מיך אָן איבערראַשטער, צי איך ווייס וואָס מיט מיר טוט זיך. „בעסער — זאָגט ער — פאַרבייס די ליפּן און אַרבעט ווייטער מיט די לעצטע כוחות. צי ווייסטו נישט מיט וואָס אַזאַ זאַך שמעקט?" — פרעגט ער מיך. און מיט געמאַכטער רוגזה האָט ער גענומען בלומריש שרייען אויף מיר אַזוי, אַז דער ס.ס.־מאַן זאָל הערן: „פויל ביסטו, שוין אַוועקגיין צו דער אַרבעט". איך האָב זיך שנעל צוריק אָנגעטאָן אין מיינע שמאַטעס, גענומען די טרעפּעס און זיך גיך צוריק אָפּגעטראָגן, מאַקע מיט די לעצטע כוחות אַוועק צוריק צו דער אַרבעט.

דער דאָקטאָר האָט מיך אָבער געדענקט. צומאָרגנס, ווען איך בין געגאַנגען מיטן שעפּל נאָכן מיטאָג, האָט ער מיך באַגעגנט און אָפּגעשטעלט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך האַלטן ביי דער אַרבעט מיט אַלע כוחות. גראָד ווייסט ער, אַז איך געפין זיך דאָ צוזאַמען מיט נאָך צוויי ברידער. דער קריג איז שוין באַלד ביים סוף. דאָס איז געווען אין יאָר 1943, ווען די רוסן האָבן צוריק פאַרנומען כאַרקאָוו און דערגאַנגען ביז קיעוו.

כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז מיינע עלטערן, די פרוי מיטן קינד לעבן שוין נישט, דאָך איז דער אינסטינקט פון לעבן זייער שטאַרק געווען און דעם דאָקטאָרס רייד האָבן מיר צוגעגעבן מער מוט. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט מיר נאָך דער זעלבער דאָקטאָר צוגעשאַנצט אַ לייכטערע אַרבעט אין לאַגער גופא און איך בין אַביסל געקומען צוריק צו די כוחות. אָבער דערנאָך האָט מען מיך ווידער צוריקגעשיקט אין קוילן־גרוב אַרבעטן. אָט אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט דאָס גאַנצע יאָר 1944 — אַ שווערע, אַ ביטערע אַרבעט אין אַ נאַסן גרובן, וואו עס פלעגט אויסקומען צו אַרבעטן ליגנדיק אויפן בויך אויף דעם נאַסן באָדן.

גייענדיק איינמאָל אַזוי פון דער אַרבעט אַ דערשלאָגענער, אַן אויסגעמאַטערטער, אַ צוזאַמענגעבראָכענער, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן מער נישט צוריקצוגיין צו דער אַרבעט און זאָל געשען וואָס

עס וויל. מיר האָבן דאָ געהאַט אַפּטע ידיעות פון פראָנט. מען פלעגט דאָ אפילו טיילמאָל אַריינבריינגען אַהער אַ צייטונג. אַלע האָפנונגען זענען פאַרבונדן מיט דער אָפענסיווע פון די רוסן, אָבער זי הויבט זיך נישט אָן. דער פראָנט האָט זיך איינגעשטעלט. איך האָב זיך דער־מאָנט, אַז דער לאַגער־דאָקטאָר האָט מיר איינמאָל צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט האָבן אַ מעגלעכקייט מיך צו אָפּערירן, וועט ער עס טאָן. איך האָב זיך צו אים געווענדעט און געבעטן ער זאָל מיך אָפּערירן, ווייל איך קען שוין לענגער נישט אויסהאַלטן. דער דאָקטאָר האָט באַשלאָסן דורכצופירן די אָפּעראַציע. אָבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער נאָך דער אָפּעראַציע האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע רוסישע אָפענסיווע. דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1945, די רוסן זענען געגאַנגען זייער גיך פאָר־אויס. דער לאַגער אונדזערער האָט זיך אָנגעהויבן עוואַקואירן און איך ליג אָן אָפּערירטער אין בעט. גראָד אין אַזאַ צייט האָב איך זיך גע־לאָזט אָפּערירן. דער דאָקטאָר האָט מיר געמאַכט דעם ערשטן פאַר־באַנד נאָך דער אָפּעראַציע און מיך געראָטן מיטצוגיין מיטן עוואַקו־אירטן טראַנספּאָרט, ווייל דאָ וועט אַלץ וואָס בלייבט איבער פאַרניכ־טעט ווערן. אָבער מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָט מיר דער דאָקטאָר מיטגעטיילט, אַז דער לאַגער־עלטסטער האָט אים געזאָגט: יעדער שוואַכער וואָס וועט נישט קענען גיין, בלייבן הינטערשטעליק, וועט אין וועג דערשאָסן ווערן. דער דאָקטאָר האָט דעריבער מיך געראָטן צו בלייבן אין בעט, ווייל דורכמאַכן דעם וועג וועל איך זיכער נישט קענען. איך בין געבליבן וואַרטנדיק אויף אַ נס.

מיינע ברידער זענען אַוועק מיטן טראַנספּאָרט. מען האָט מענטשן צוזאַמענגענומען פון די לאַגערן פון און אַרום אוישוויץ און געטריבן זיי ביי־טאָג און ביינאַכט אין דער ריכטונג צו די סודעטן. די שוואַכע פון טראַנספּאָרט האָט מען טאַקע אין וועג דערשאָסן.

די איבערגעבליבענע קראַנקע אין די לאַגערן אַרום האָט מען ליק־ווידירט אויף פאַרשידענע אופנים. אַ סך האָט מען אויסגעשאָסן אין די בעטן, אין אַנדערע ערטער האָט מען זיי פאַרברענט צוזאַמען מיט די שפּיטאָל־געביידעס. אונדזער שפּיטאָל האָט מען נישט באַוויזן צו פאַר־ניכטן. דער מאַרש פון דער רויטער אַרמיי איז געגאַנגען שנעל פאָר־

אוים און די בהלה איז געווען אַן אומגעהויערע אַזוי, אַז עס איז געווען לייכט צו פאַרזען עפּעס און איבערלאָזן נישט פאַרניכטעט. אַזוי איז טאַקע געשען מיט אונדזער שפּיטאָל־געביידע. מיר זענען צופעליק ניצול געוואָרן פון טויט.

דעם 25־טן יאַנואַר 1945 זענען די רוסן אָנגעקומען אין אונדזער לאַגער און אונדז באַפרייט. שווער קראַנקע האָט מען תיכף אָפּגעפירט קיין קראָקע און אונדז האָט מען געהאַלטן אויפן אָרט און געגעבן די בעסטע הילף און דערנערונג. ווי נאָר מען האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין, זוכן די אַמאָליקע היים. איך בין אַוועק קיין לאָדזש און דערנאָך — קיין אָזאָרקאָוו, קיינעם דאָרט פון אייגענע, היימישע נישט געטראָפן און צוריק קיין לאָדזש. דאָרט האָב איך באַגעגנט איינעם פון אונדזערע העפטלינגע, סאָלאָמאָנטשיק. איך האָב אים געפרעגט, צי ער ווייסט נישט עפּעס וועגן גורל פון מיינע ברידער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז די ברידער מיינע זענען אומגעקומען, ער אַליין האָט זיי מקבר געווען. דער יונגערער ברודער איז אומגעקומען בעת אַ לופט־אָנגריף. דער עלטערער ברודער איז אַוועק ווייטער אין אַ פרישן לאַגער. איינמאָל איז ער נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט און פאַרבליבן אין לאַגער. עס איז צוגעגאַנגען דער לאַגער־עלטסטער, פראַנץ, וועלכער איז דאָרט מיטגעווען און האָט צו אים זיך אָפּגערופן: נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי אַרומדרייען זיך אין לאַגער און נישט אַרבעטן. ער האָט מיין ברודער צוגעפירט צו אַ קלאָץ, געלאָזט אַוועקלייגן דעם ברודערס קאָפּ אויף אים און אָפּגעהאַקט אים דעם קאָפּ.

שפּעטער, אַז די רוסן האָבן פאַרנומען דעם דאָזיקן לאַגער, וואו פראַנץ איז געווען באַלעבאָס, האָבן די לעבן־געבליבענע יידישע העפטלינגע זוכה געווען נקמה צו נעמען אַן אים. זיי האָבן אים אַליין אויפגעהאָנגען.

סאָלאָמאָנטשיק האָט מיר אויך איבערגעגעבן אַ לעדערנעם פּאַס, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פון מיין טויטן ברודער און מיר געגעבן אָנגעגעבן דאָס אָרט, וואו מיין ברודער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה.

דוד טושינסקי

# געווען אַמאָל אַ יידיש שטעטל בזשעזשין

געווען אַמאָל אַ שטעטל פון יידישע שניידערס — בזשעזשין. פון סאַמע באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זינגערס ניי־מאַשינען געקלאַפּט הערן זייער מוזיק. עס איז געווען די מוזיק פון שווערער אַר־בעט, פון ביטערער זאָרג, פון אַ האַרט לעבן, אָבער אויך פון אַ רוישי־קער יוגנט, פּאַרטייאישער אינטעליגענץ, פרומע יידן, חסידים וואָס האָבן געלעבט, געשטרעבט אינם קליינעם יידישן שטעטל בזשעזשין.

די היטלערישע הידרע האָט אויף אייביק פאַרלאָשן דאָס דאָזיקע לעבן, פאַרוואַנדלט עס אין אַש. פאַרבליבן בלויז געציילטע יידן פון שניידער־שטעטל בזשעזשין, על פּי נס ניצול געוואָרענע און צעוואָר־פענע איבער דער גאַנצער וועלט, יחידים־עדות פון גערמאַנישן קאַני־באַלן־ווערק.

זאָלן די דאָזיקע ווערטער, שוואַכע אין אויסדרוק, אָבער געשריבן נישט מיט טינט, נאָר מיט בלוט, זיין אַ באַשיידענער צושטייער צו דער מצבה פאַר מיין געבורט־שטעטל בזשעזשין.

* * *

בזשעזשין איז געווען איינס פון די עלטסטע און פּאָפּולערסטע יידישע ישובים אין פּוילן. ווען דער דאָזיקער ישוב איז געגרינדעט גע־וואָרן האָט ער געטראָגן דעם נאָמען קראַקאָוועק. דער ישוב האָט זיך דעמאָלט געצויגן פון סטריקאָווער שאָסיי ביז נאָך דעם יידישן בית־עולם צו די בערגלעך אַרום. די פּוילישע פירשטין אַננאַ לאַסאָצקאַ האָט

אראָפּגעבראַכט אין דאָזיקן ישוב אַריין די ערשטע וועבער. דער ישוב האָט זיך דעמאָלט נאָך מער אַנטוויקלט און אָנגעהויבן אויסברייטערן זיינע גרענעצן. ביי יענער צייט טאַקע האָט דער ישוב געקראָגן דעם נאָמען בזשעזשין.

פון פאַרשידענע מקומות זענען קיין בזשעזשין אָנגעקומען יידישע שניידערס און אין משך פון דורות אַנטוויקלט אַן איינאַרטיקע שניידער־אינדוסטרי מיט וואָס דאָס דאָזיקע שטעטל איז געוואָרן באַקאַנט איבער דער וועלט. היים־אַרבעט האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט דאָ. שוין פון 1772 האָט בזשעזשין געהאַט אַ רום מיט איר שניידערישער מאַסן־פּראָדוקציע. ביז 1914 איז דאָס גרויסע צאַרישע רוסלאַנד פאַרפלייצט געוואָרן מיט די ביליקע אויסאַרבעטונגען פון די בזשעזשינער שניידער. אין די יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות גייט דער עקספּאָרט פון בזשעזשינער אַרבעט איבער אַ גאַנצער ריי לענדער פון אייראָפּע און פון אַנדערע וועלט־טיילן. אַ גרויסע ראָלע האָבן דאָ געשפּילט די גרויסע יידישע מאַגאַזינערן־עקספּאָרטערן, ווי: פראַנקענשטיין, טושינסקי, סולקאָוויטש און אַנדערע.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָט בזשעזשין געציילט 17 טויזנט איינוואוינער, דערין — ניין טויזנט יידן, כמעט דורכאויס שניידער.

די יידן אין בזשעזשין האָבן נישט בלויז געאַרבעט, זיי האָבן אויך גענומען אַ לעבהאַפטן אָנטייל אין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן און קולטור־לעבן פון שטעטל, געהאַט זייערע פאָרשטייער אין שטאָטראַט, אין מאַגיסטראַט, געהאַט זייערע רעליגיעזע און וועלטלעכע בילדונג־ און קולטור־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אַ לעבן פון יידישער מאַטעריעלער אָרעמקייט, אָבער רייך גייסטיק, געזעלשאַפטלעך און קולטורעל.

* * *

סעפּטעמבער 1939.

די דייטשן גייען. מאָביליזאַציע און מהומה. פון מערב־פּוילן גייט אָן אַ פּאַניש געלויף פון טויזנטער יידן. מאַסן גייען איבער בזשעזשין קיין וואַרשע. בזשעזשינער יידן זענען אַוועק פון די ניי־מאַשינען,

אַרויס אין גאַס, כדי צו טראָגן הילף די פאַרביילויפנדיקע יידן: מען טיילט שפּייז, מען גיט מעדיצינישע הילף און מען באַזאָרגט מיט גע־לעגערס די, וואָס פאַרהאַלטן זיך אויף אַ טאָג, צוויי, אין שטעטל.

מיטוואָך, דעם זעקסטן טאָג פון דער מלחמה, ווערט בזשעזשין באָמבאַרדירט. פייער און רויך פאַרהילט די שטאָט. די גאַסן: הייליקע אננאַ, אַ טייל פון דער פילסודסקי־גאַס און ראָגאָווסקי־גאַס גייען אוועק מיטן רויך. עס זענען דעמאָלט אומגעקומען אַ סך אָרטיקע איינ־וואוינער און פליטים פון לאָדזש, קאַליש און אַנדערע ישובים.

מיט׳ן עטלעכע טעג שפּעטער זענען די דייטשן אַריין אין אונדזער שטאָט און עס הויבט זיך אָן אַ סעריע פאַרפאָלגונגען: רעוויזיעס און רויב, כאַפּן צו אַרבעט, באַליידיקן, דערנידעריקן, שלאָגן און פּייניקן. אַ גרעסערע גרופּעס יידן פון דער אינטעליגענץ, פאַרשידענע טוער, ווערן אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט. זיי זענען מער נישט צוריקגעקומען און זייט דעמאָלט ווייסט מען נישט, וואו זיי זענען אַהינגעקומען.

יום־כּיפּור, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן די שול, האָבן זיי אַרויסגעפירט דעם אַלטן רב באָרנשטיין אויף דער גאַס און אים אונטערגעצונדן די באָרד. אַ געטריבענעם, אַ צעשלאָגענעם, אויס־געשעפּט און אויסגעחוזקט שלעפּן זיי אים אַוועק צו דער באַן און שיקן אים אָפּ קיין קראָקע. צעבראָכן און קראַנק קומט ער מיט עטלעכע טעג שפּעטער צוריק קיין בזשעזשין, כדי דערנאָך צוזאַמען מיט אַלע זקנים פאַרשיקט צו ווערן אין דער גאַז־קאַמער.

טאָג־טעגלעך קומט פאַר אַ כאַפּעניש צו אַרבעט. אַ טייל פון די געכאַפּטע ווערן אַוועקגעשיקט הינטער דער שטאָט אויפן וועג קיין גאַלקאָוועק, וואו די מענטשן ווערן געפּייניקט און דערנאָך באַגראָבן לעבעדיקערהייט. איבער די וועגן, וואָס פירן פון בזשעזשין קיין גאַל־קאָוועק, ווישקאָוויץ און קאָלושקי, ווי אויך אין די וועלדער אַרום זע־נען צעזייט מאַסן־קברים פון בזשעזשינער יידן, באַגראָבענע לעבעדי־קערהייט.

אין דער צווייטער העלפט פון חודש דעצעמבער 1939 איז קיין בזשעזשין אָנגעקומען דער ס.ס.־מאַן קויפּמאַן און מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע אויסזידלונג. פון אַ גאַנצער ריי

גאַסן האָט מען אויפגעזאַמלט די ייִדן, כדי זיי אָוועקצושיקן. נאָך גרוי־סער מי מצד די ייִדן זאַגאַן און קליינבוים, אויפקלערונגען, אַז די דאָזיקע ייִדן, שניידערס פון פאַך, קאָנען אויסגענוצט ווערן אויף אַר־בעט פאַר דער אַרמיי, און דער עיקר — מיט דער הילף פון אַ ריזיקער סומע אויסקויף־געלט אין מזומן און אין גאָלד, ווערט די אייסזידלונג אָפּגעשטעלט. אין בזשעזשין ווערן געשאַפן וואַרשטאַטן פאַרן מיליטער.

אין די ערשטע חדשים פון 1940 ווערט איינגעפירט אַ געטאָ אין בזשעזשין. עס ווערט געשאַפן דער ייִדן־ראַט מיט איקע פּישקאָ, פּאָלי־ציי־קאָמענדאַנט פּערלמוטער, באַקאַנט מיטן נאָמען „שמיידע פּיאָק" („שמיידע שיכור") בראש. טאָמער איז געווען ווייניק די דייטשן, האָט מען נאָך אויך געהאַט אויסצושטיין ביטערע צרות פון די דאָזיקע ייִדי־שע „פירערס".

אין געטאָ, ביי הונגער, קעלט און רעפּרעסיעס, איז אָנגעגאַנגען די אַרבעט אין די שניידער־וואַרשטאַטן. מ'האָט אויסגעפּאַרטיקט מלבושים פאַר די דייטשן. פון צייט צו צייט פלעגן קומען דייטשע „געסט" קיין בזשעזשין. באַזונדערס באַקאַנט זענען געווען די נעמען פון די געשטאַפּאָ־לייט פוקס, ריכטער און יאַווינטאָ. שרעק און שוידער האָבן די דאָזיקע נעמען אַרויסגערופן ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג אין בזשעזשינער געטאָ. מיט פאַרשידענע וועגן און מיטלען האָבן זיי צוגענומען ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג די לעצטע רעשטלעך פון זייער פאַרמעגן — גאָלד, צירונג און פוטערוואַרג. זיי פלעגן שיכורן און דער ייִדן־ראַט האָט זיי געדאַרפט צושטעלן משקה: וויין, ליקער און קאָניאַק. זיי האָבן געדאַרפט פרויען און דער ייִדן־ראַט האָט זיי די פרויען געדאַרפט צושטעלן. דער „פּרעזעס" פּישקאָ האָט געהאָרכ־זאַם געפאָלגט, אַלץ אויסגעפירט וואָס מען האָט פון אים געפאָדערט.

פונדעסטוועגן איז דאָס לעבן אין געטאָ אין משך פון יאָר 1940 צוגעגאַנגען, קאָן מען זאָגן, „נאָרמאַל", מען האָט ווי עס איז געלעבט. שפּעטער האָט זיך די לאַגע אָן אַ פאַרגלייך פאַרערגערט. שוין אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1941 איז פּלוצלונג געקומען אַ באַפעל צוצו־שטעלן צען ייִדן, וועלכע דאַרפן עפנטלעך געהאָנגען ווערן. אויפן פּלאַץ פון דער פאַרברענטער שול האָט מען אויפגעשטעלט אַ תליה,

דער יידן־ראַט האָט געדאַרפֿט, לויטן באַפֿעל, צושטעלן די צען יידן צום הענגען. און דער יידן־ראַט האָט דעם באַפֿעל אויסגעפֿירט.

צו דער עקזעקוציע האָט מען געבראַכט די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג פֿון געטאָ, וועלכע האָט זיך געדאַרפֿט צוקוקן צו אָט דעם שטיקל אַרבעט. אַזייגער 12 בייטאָג האָט מען מיט געבונדענע הענט אויף הינטן געפֿירט צו דער תּליה די צען יידן. צווישן די קרבנות האָט זיך געפֿונען איין גייסטיק־קראַנקע יידישע פֿרוי — מונדזשיאַ, עס האָט זיך געפֿונען צווישן זיי נאָך אַ פֿרוי — פֿייגע וואַסערטרעגער. די רעשט זענען געווען מענער, צווישן זיי — יודל וואַסערטרעגער, אורבאַך, הויזער און אַנדערע. הויזער איז געגאַנגען צו דער תּליה מיט אַ אויסגעשריי: „מיר גייען אויף קידוש השם, נעמט נקמה!" יודל וואַסערטרעגער האָט אויסגערופֿן: „ביז איצט בין איך געווען אַ פּראָסטער וואַסערטרעגער, מאָרגן וועל איך זיין צווישן די קדושים!"

נאָכדעם איז ווידער געווען שטיל עטלעכע וואָכן, און דערנאָך האָט זיך ווידער אָנגעהויבן.

עס איז אַרויס אַ באַפֿעל, אַז מען זאָל צושטעלן אַלע זקנים און קראַנקע צום שטעמפּלען. אין באַדאַוועס הויז האָט מען צונויפֿגעזאַמלט אַלע זקנים און קראַנקע, מענער און פֿרויען. אַלע האָבן געמוזט זיך אויסטאָן נאַקעט. צוערשט האָבן די ס.ס.־לייט איינגעאָרדנט זיך אַ פֿאַרוויילונג. די נאַקעטע זקנים און זקנות האָבן געמוזט טאַנצן און דעמאָנסטרירן פֿאַרשידענע זאַכן, וועלכע לאָזן זיך פּשוט נישט באַשרייבן. מען האָט די יידן געצוואונגען צו פֿאַרשידענע דיסקרעטע סצענעס, געשלאָגן זיי איבערן נאַקעטן לייב און געקאָפּעט. דערנאָך אַז די ס.ס.־לייט האָבן שוין גענוג געהאַט די דאָזיקע „פֿאַרשטעלונג", האָבן זיי גענומען אָפּשטעמפּלען אַלע אַנוועזנדיקע. די שטעמפּלען האָט מען געלייגט אויף די געשלעכטס־אָרגאַנען. אומגעקערט זיך צוריק אַהיים האָבן, די געזונטערע, די וואָס האָבן געקראָגן דעם שטעמפּל מיט דעם צייכן „ב". די רעשט איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף אומקום.

דעם 14־טן און 15־טן מאַי 1942 איז קיין בושעזשין אין געטאָ אָנגעקומען אַ באַנדע ס.ס.־לייט מיט ביבאָוון בראָש. ביבאָווס נאָמען האָט שוין דערמאָלט געהאַט אַ שם. דער נאָמען זיינער האָט אַרויס־

גערופן אַ גרויל־שרעק ביי אַלע. ביבאָוו האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די מאַמעס דאַרפן ברענגען צו אים זייערע קינדער אין עלטער ביז צען יאָר. יענעם טאָג האָט געדעגנט אין בזשעזשין, עס האָט געמבולט, און איבער די גאַסן פון געטאָ זענען געגאַנגען אָפּגעצוואָגענע, פאַר־קעמטע, ציכטיק אָנגעטוענע יידישע קינדער געפירט דורך די מאַמעס. די מאַמעס וויינען און די קינדער באַרואיקן זיי, פרואוון זיי איינ־שטילן: מאַמע, וויין נישט, וואָס וויינסטו?

צונויפגעבראַכט אַלע קינדער אין דער געביידע פון מאַגיסטראַט, זענען זיי דאָרט פאַרבליבן מיט די מוטערס אַ גאַנצן טאָג. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, מידע זענען די קינדער איינגעשלאָפן אויף דער ערד נעבן די מאַמעס. מאַנכע קינדער וויינען, בעטן זיך: מאַמע, קום אהיים, פאַרוואָס גייען מיר נישט אהיים? פאַרוואָס איז אַזוי פינסטער? פאַרוואָס צינדט מען נישט אָן קיין ליכט?

דריי אַזייגער ביינאַכט איז פּלוצלונג געוואָרן ליכטיק אין זאַל. אַ טומל, אַ שיכורער געשריי האָט אויפגעוועקט די קינדער. עס דער־הערט זיך אַ באַפעל: אָפּגעבן אַלע קינדער, און באַלד דערנאָך הויבט מען אָן אָוועקצורייסן די קינדער פון די מאַמעס. אַ געוויין פון מאַמעס און קינדער, אַ געשריי, אַ געבעט און די ס.ס.־לייט רייסן די קינדער פון די מאַמעס פאַרקאַרטשעטע הענט אַרויס. קינדער שרייען אין גע־וויין: מאַמע, איך וויל צו דיר, מאַמעשי. די מאַמעס פאַלן צו די פיס פון די ס.ס.־לייט, קושן זייערע שמוציקע שטיוול אין געבעט. די ס.ס.אישע שטיוול בריקען, קאַפּען, שטויסן, און אַ בייז געלעכטער הילכט אָפּ אין זאַל, געמישט מיט אַ פייפעריי פון שפּיצרוטן איבער די לייבער פון די וויינענדיקע מאַמעס. די מאַמעס בעטן זיך: נעמט אונדז אויך מיט, מיר ווילן גיין צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער. עס העלפט נישט. מען נעמט די קינדער אַוועק און אין זאַל פאַרבלייבן די צע־שלאָגענע, צעווייטיקטע און פאַרוויינטע מאַמעס. איינער פון דער גע־שטאַפּאָ, זייפערט, שרייט אויס: „די מוטערס מיסען זאָ קראַפּירען״ — און גייט אַרויס. פון דרויסן הערט זיך אָן אָפּקלאַנג פון קינדערישן גע־שריי און געוויין. נאָך עטלעכע מינוט ווערט אינגאַנצן שטיל. פאַרטאָג

זענען צו די מאַמעס אַריינגעקומען ס.ס.־לייט און מיט אַ געשריי און שלעגעריי אַרויסגעטריבן אויף דער גאַס.

צומאָרגנס איז די געטאָ אין בזשעזשין געווען אויסגעליידיקט פון קינדער. נישט געווען מער קיין קינדער אין געטאָ. בלויז איין מאַמע איז פאַרבליבן אין געטאָ מיט אַ קינד, דאָס איז געווען מירא ראָזען. פאַר איר האָט זיך איינגעשטעלט דער יודן־ראַט און די דייטשן זענען געווען אַזוי „גרויסמוטיק”, אַז זיי האָבן געשענקט דערווייל דאָס לעבן פון איין יידיש קינד.

אַז די מאַמעס האָבן זיך געווענדעט צום פּרעזעס פון יידן־ראַט מיט דער פראַגע: וואָס איז מיט אונדזערע קינדער, וואו האָט מען אונדזערע קינדער אַוועקגעפירט? — האָט דערויף דער פּרעזעס געענטפערט: די קינדער געפינען זיך אין לאָדזש, ביי רומקאָווסקין אין מאַרישין, זיי זענען דאָרט אין אַ קינדער־היים. אין גיכן וועט איר זיך זען מיט זיי.

עטלעכע טעג נאָכדעם, ווי מען האָט אַוועקגענומען די קינדער פון בזשעזשין, האָט מען זיך גענומען צו די דערוואַקסענע. עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון בזשעזשינער געטאָ. מען האָט געכאַפּט מענטשן פון די שטובן און וואַרשטאַטן און טראַנספּאָרטנווייז אַוועקגעשיקט אויף אומקום.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז די בזשעזשינער געטאָ ליקווידירט געוואָרן — בזשעזשין איז געבליבן ריין פון יידן.

מאַרק פראַמער

# חורבן זלאַטשעוו

דריי טעג נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען זלאָטשעוו, דעם 3־טן יולי 1941, האָבן די דייטשן מיט דער הילף פון דער אָרטי־קער אוקראַאינישער באַפעלקערונג אָרגאַניזירט אַ פּאָגראָם. צום שלאָגן און מאָרדן יידן האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן די אָרטיקע פוילישע באַ־פעלקערונג. מען האָט געשלאָגן יידן מיט שטעקנס און שטיינער, גע־שאָסן און דעם דאָזיקן טאָג אומגעבראַכט דריי טויזנט יידישע נפשות.

נאָך אָט דעם בלוטיקן פּאָגראָם איז אויף אַ געוויסער צייט גע־וואָרן רואיק. לויט אַ פאַראָרדנונג פון דער דייטשער מאַכט איז גע־גרינדעט געוואָרן אַ יידן־ראַט, וועלכער איז שפּעטער פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ ווערקצייג פון די דייטשן קעגן די יידן גופא. איינע פון די אויפגאַבעס פון יידן־ראַט איז געווען צוצושטעלן יידן צו פאַרשידענע אַרבעטן. דער יידן־ראַט האָט אויך דורכגעפירט פאַרשידענע רעקווי־זיציעס ביי דער יידישער באַפעלקערונג. דער אויספיר־אָרגאַן פון יידן־ראַט איז געווען די יידישע מיליץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן. יעדער ייד עלטער פון 14 יאָר האָט געמוזט טראָגן אַ ווייסן אָנגעשטעלט ביי אַן אַרבעט.

שוין אין די ערשטע וואָכן פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין זלאָטשעוו האָט מען אַלע יידן פאַרטריבן פון די שענערע גאַסן פון שטאָט. די יידן האָבן אויך געמוזט באַצאָלן אַ קאָנטריבוציע.

פאַר די יידן אין זלאָטשעוו האָבן די דייטשן צוגעגרייט אַזש פיר צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגערן: לאַצקי, קאָזאַקי, פּלוהוב און יאַכטאָ־ראָוו. ניישט געקוקט דערויף, וואָס דער יידן־ראַט האָט זיך פאַרנומען

מיט צושטעלן מענטשן צו פֿאַרשידענע אַרבעטן פֿאַר די דייטשן, האָט זיך אין שטאָט אָנגעהויבן אַ געיעג אויף יידן. די כאַפּעלעך זענען פֿאָרגעקומען כמעט יעדן טאָג. פּלוצלונג האָבן די דייטשן, צוזאַמען מיט דער אוקראַאינישער מיליץ, אָפּגעשלאָסן די יידישע גאַסן, געכאַפּט יידן פֿון די גאַסן, פֿון די שטובן אַרויס און אַוועקגעשיקט אין פֿאַרשידענע אַרבעטס־לאַגערן. די באַדינגונגען ביי וועלכע עס איז אויסגעקומען צו אַרבעטן זענען געווען שרעקלעכע. דאָס לעבן פֿון יעדן ייד איז געווען אָפּהענגיק פֿונם הומאָר פֿון די ס.ס.־מענער. טויזנטער זענען אויסגעשטאָרבן פֿון הונגער, קרענק און פֿון דערשיסונגען. אַנטלויפֿן פֿון לאַגער איז געווען זייער שווער. פֿאַר אַ פּרואוו צו אַנטלויפֿן האָט געדראָט מיט הענגען.

אין מיטן יולי 1942 איז אָנגעקומען אַ ידיעה פֿון לעמבערג, אַז דאָרט קומען פֿאָר אַזוי גערופֿענע „אַקציעס", בעת וועלכע גרויסע טראַנספּאָרטן יידן ווערן אַרויסגעשיקט פֿון שטאָט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. תחילת האָט מען געמיינט, אַז מען שיקט ערגעץ אַוועק אויף אַרבעט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס שיקט מען אַוועק יידן צום פֿאַרניכטן.

גיך האָבן אויך די זלאָטשעווער יידן דערפֿילט דעם טעם פֿון אַזעלכע אַקציעס. סוף אויגוסט 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונג פֿון די יידן אין זלאָטשעוו. בעת דער דאָזיקער אויסזידלונג האָבן צוגעהאָלפֿן די דייטשן אויך יידישע פֿאַררעטערס, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער געשטאַפּאָ און אין דער יידישער מיליץ, ווי אויך פֿאַרשידענע באַאַמטע פֿון יידן־ראַט.

די אויסזידלונג פֿון די זלאָטשעווער יידן איז פֿאָרגעקומען דעם 28־טן און 29־טן אויגוסט (ט"ז אלול, תש"ב). מען האָט אַלע יידן געבראַכט צו דער געביידע פֿון יידן־ראַט און דאָרט איז פֿאָרגעקומען אַ סעלעקציע. בעת דער דאָזיקער סעלעקציע זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן 1500 יידן.

דעם 2־טן און 3־טן אָקטאָבער 1942 איז ווידער פֿאָרגעקומען אַ סעלעקציע.

אין נאָוועמבער האָט מען אין זלאָטשעוו איינגעפירט אַ געטאָ. אויף אַ קליינעם שטח, אין צענטער פון שטאָט, האָט מען קאָנצענטרירט פינף טויזנט יידן, ארומגעצוימט די געגנט מיט שטעכיקן דראָט און אַרומגעשטעלט מיט אוקראַאינישע וועכטער. אַביסל שפּעטער צו האָט מען קיין זלאָטשעוו געבראַכט די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך: סאַסאָוו, ביאַלי קאַמיען, אַלעסקאָ. חוץ דעם זענען אין סאַסאָוו, יאַכ־טאָראָוו, לאַצקי, קאָזאַקי ווי אין זלאָטשעוו געווען לאַגערן, וואו מען האָט געהאַלטן צו עטלעכע הונדערט מענטשן.

די געטאָ אין זלאָטשעוו האָט עקזיסטירט ביזן 2־טן אַפּריל 1943. אינעם דאָזיקן טאָג האָט מען צוזאַמענגענומען אַלע יידן פון זלאָטשע־ווער געטאָ, צוגענומען אַלץ, וואָס מען האָט געהאַט מיט זיך פון זאַכן און חפצים, און דערנאָך מיט לאַסט־אויטאָס אוועקגעפירט אַלע עט־לעכע קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, אין אַ וואַלד אריין, וואו מען האָט אַלע אומגעבראַכט.

נישט ווייט פון דאָרף יעלעכאָוויצע זענען פאַרניכטעט געוואָרן די רעשטן פון דער זלאָטשעווער קהילה. די פּרטים פון דער פאַרניכ־טונג האָבן איבערגעגעבן קריסטן, וועלכע האָבן געפירט די לאַסט־אויטאָס מיט די יידן צו דער עקזעקוציע.

אַלע האָבן געמוזט זיך אויסטאָן נאַקעט און אויסשטעלן זיך אין אַ ריי פאַר די פון פריער צוגעגרייטע גריבער. דערנאָך האָט מען גע־עפנט אַ שיסעריי אויף די יידן ארום די גריבער. נאָך דער מאָרד־אַר־בעט האָט מען די גריבער מיט די מתים פאַרשאָטן. זייער פיל לעבע־דיקע יידן האָט מען דאַרטן פאַרשאָטן. געווען אַ סך פאַרוואונדעטע, מענטשן וואָס האָבן נאָך געלעבט, האָט מען זיי צוזאַמען מיט די טויטע פאַרשאָטן. די דאָזיקע מאַסן־שחיטה האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג, נאָכדעם האָט מען אויף די לאַסט־אויטאָס פאַרלאַדעוועט די זאַכן פון די קרבנות און אוועקגעפאָרן.

אין זלאָטשעוו זענען נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ פאַרבליבן אַביסל יידן אין פאַרשידענע בונקערס. מען האָט זיי ביסלעכווייז אויס־געפונען און אין משך פון עטלעכע וואָכן, יעדן דינסטאָג און פרייטאָג,

אוועקגעפירט גרופּעסווייז צום דאָרף יעלעכאָוויצע צום פאַרניכטן. נאָך פיר וואָכן זוכעניש איז די זלאָטשעווער געטאָ געבליבן אויסגעליידיקט פון יידן.

בעת דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע האָבן די דייטשן נישט גע־שוינט אויך דעם יידן־ראַט און די יידישע מיליץ — אויך זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן. געבליבן זענען נאָך אביסל יידן אין זלאָטשע־ווער אַרבעטס־לאַגער, אָבער דעם 22־טן יולי 1943 איז דער לאַגער ליק־ווידירט געוואָרן. אַ טייל האָט מען נאָך אָפּגעשיקט אויף שקלאַפן־אַר־בעט אין יאַנאָווער לאַגער הינטער לעמבערג און די רעשט, די וואָס האָבן שוין צו קיין אַרבעט נישט געטויגט, האָט מען דערשאָסן. ביי יענער צייט זענען אויך ליקווידירט געוואָרן די לאַגערן אין סאַסאָוו, פּלוטאָוו, לאַצקי, קאָזאַקי.

מיטן סאַסאָווער לאַגער איז געשען אַזאַ זאַך: בעת מען האָט אַרומגערינגלט דעם דאָזיקן לאַגער, כדי אים צו ליקווידירן, האָבן די יידן אַדורכגעריסן זיך און גענומען אַנטלויפן אין די אַרומיקע וועל־דער. די דייטשן און אוקראַאינער האָבן אויף די אַנטלויפנדיקע גע־עפנט אַ שיסעריי. הונדערטער יידן זענען דעמאָלט געפאַלן טויט, אָבער 150 יידן איז דאָך געלונגען אַרויסצוקריגן זיך לעבעדיקערהייט. זיי האָבן זיך אַלע באַהאַלטן אין די וועלדער. אין די דאָזיקע וועלדער האָבן זיך אויך אויסבאַהאַלטן עטלעכע הונדערט יידן פון זלאָטשעוו און פון אַנדערע שטעטלעך. זיי זענען דאָרט געווען ביז דער באַפרייאונג.

נאָכדעם ווי די סאָוועטן זענען אַריין קיין זלאָטשעוו, זענען פון די וועלדער אַרום צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין 150 זלאָטשעווער יידן. אַזאַ צאָל איז פאַרבליבן פון אַ קהילה, וואָס האָט אין 1941 גע־ציילט צען טויזנט נפשות.